# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואך — פערלאג: חברת „אחיאסף“.

קראקוי, שבט תרס"ב. — פיערטער יאהרגאנג. — Krakau 9 Januar 1902.


## נומר 2

## אינהאלט:


דער 5־טער קאנגרעס.

א) דר. הערצעלס רעדע.

ב) דער פינפטער ציוניסטען קאָנגרעס I.

ג) די סטודענטען אסיפה. II.

ד) די אסיפות פון די רוסישע דעלעגאטען אין באזעל. I. ש. ראָזענפעלד.

ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. אמת.

ו) די יודישע וועלט.

ז) בעריל וואַסער־פיהרער. ערצעהלונג. יהודה שטיינבערג.

ח) קליינע מענשעליך. פעלעטאָן. שלום־עליכם.



פערלאג חברת אחיאסף.

טאשען ווערטערבוך

יודיש—רוסישער

פון ישראל הומבערג.

ענטהאַלט אַלע ווערטער וועלכע געפינען זיך אין תנ"ך איבערזעצט אין רוסישער שפראך מיט מראה מקומות. ניצליך פאר לעהרער און שילער און אַלע וועלכע לערנען די העברעאישע שפראך.

געדרוקט זעהר שיין אין קליינעם פאָרמאַט אויף פיינעם פאפיער.

פרייז 1 ר', מיט פאָרטא 110 ר', געבונדען 130 ר' מיט פאָרטא 140 ר'.

Издательство „АХІАСАФЪ“, Варшава.

פערלאג חברת אחיאסף.



1902

אבאנעמענט אויף די צייטונגען:

המליץ, הצפירה, עולם קטן,

ВОСХОДЪ, БУДУЩНОСТЬ,

WSCHÓD, DIE WELT, OST UND WEST,

L'ECHO SIONISTE און אנדערע,

נעמט אן די בוכהאנדלונג פון חברה „אחיאסף“

ווארשא

טווארדא נר' 6.

ОТКРЫТА ПОДПИСКА
на 1902 годъ
(33-й годъ изданія)
на еженедѣльный иллюстрированный
ЖУРНАЛЪ

# НИВА.

со многими приложеніями

Гг. подписчики „НИВЫ" получатъ въ теченіе 1902 года:

**52 №№** художественно-литературнаго журнала „НИВА", заключающаго въ
**ПЕРВЫЕ** себѣ въ теченіе года около 1500 столбцовъ текста и 500 гравюръ и рисунковъ.

**12 ТОМОВЪ** ПОЛНАГО СОБРАНІЯ СОЧИНЕНІЙ **Н. С. ЛѢСКОВА,**
отпечатанныхъ четкимъ шрифтомъ на хорошей бумагѣ, съ портретомъ и біографическимъ очеркомъ, составленнымъ Р. И. Сементковскимъ. Остальные томы сочиненій Лѣскова, значительно дополненныхъ произведеніями, не вошедшими въ прежнія изданія или еще вовсе не напечатанными, подписчики получатъ въ 1903 году.

**12 ТОМОВЪ** ПОЛНАГО СОБРАНІЯ СОЧИНЕНІЙ **В. А. ЖУКОВСКАГО,**
дополненныхъ, подъ редакціею профессора А. С. Архангельскаго, цѣлымъ рядомъ неизданныхъ поэтическихъ произведеній знаменитаго писателя и отпечатанныхъ четкимъ шрифтомъ, въ 2 столбца, расширеннаго формата, на хорошей бумагѣ, съ портретомъ и біографическимъ очеркомъ.

**12 КНИГЪ** „ЕЖЕМѢСЯЧНЫХЪ ЛИТЕРАТУРНЫХЪ ПРИЛОЖЕНІЙ", содержащихъ романы, повѣсти, раскзы, популярно-научныя и критическія статьи и проч.—современныхъ авторовъ.

**12 №№** „ПАРИЖСКИХЪ МОДЪ", выходящихъ ежемѣсячно и содержащихъ до 300 модныхъ гравюръ по фасонамъ лучшихъ мастеровъ.

**12 ЛИСТОВЪ** рукодѣльныхъ и выпильныхъ работъ (около 300) и до 300 чертежей выкроекъ въ натуральную величину, выходящихъ ежемѣсячно.

„СТѢННОЙ КАЛЕНДАРЬ", на 1902 годъ, отпечатанный красками.

**ПОДПИСНАЯ ЦѢНА** на годовое изданіе со всѣми приложеніями БЕЗЪ ДОСТАВКИ 1) въ С. Петербургѣ—**5 р. 50 к.,** 2) въ МОСКВѢ въ конт. Н. Н. ПЕЧКОВСКОЙ (Петровск. линіи)—**6 р. 25 к.,** 3) въ ОДЕССѢ въ кн. маг. „ОБРАЗОВАНІЕ" (Ришельевск., № 12)—**6 р. 50 к.,** СЪ ДОСТАВКОЙ ВЪ С.-ПЕТЕРБУРГѢ—**6 руб. 50 коп.** СЪ ПЕРЕСЫЛКОЮ ВО ВСѢ МѢСТНОСТИ РОССІИ **7** руб. За границу—**10 руб.**

Требованія просятъ адресовать: въ С-Петербургъ въ Главную Контору журнала „НИВА" (А. Ф. МАРКСУ), Малая Морская д. № 22.

---

# השלח

מכתב-עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו"ל: חברת „אחיאסף". העורך: אשר גינצברג.

## שנה רביעית

**יצאה לאור החוברת הי"א**

וזה תכן עניניה:

א) תעודת ישראל. יוסף קלוזנר.
ב) סניגוריא. (השקפה היסטורית. ד). ד"ר ש. ברנפלד.
ג) רשימות אמן עברי. (המשך). ראובן בן מרדכי ברייניץ.
ד) הדת והלאומיות בזמרת הקודש. (המשך). פ. מינקאווסקי.
ה) התורה והחיים. פ. ה. וועטשטיין.
ו) לדרך רחוקה. (ציור). ניסן טורב.
ז) ציון. (שיר). י. ל. ברוכוביץ.
ח) מן המערב (שיחות ספרותיות. ז). ד"ר ש. ב.
ט) שפת עבר וספרותה באמריקה. (המשך). ס. ז. רייזין.
י) רועים ועדריהם. ו. מ. חשמונאי.
יא) ענינים שונים (השערה בענין אנשי כנסת הגדולה. מאיר איש שלום. — מסחר היין בבבל והעיר אסטמיאדוין בתלמוד, ד"ר א. קאמינקא).

מחיר החתימה לשנה: ברוסיה 6 רו"כ, באוסטריה-הונגריה 16 קראנען, באשכנז 13 מארק, בשאר ארצות 17 פראנק, בארץ-ישראל 15 פראנק.
לחצי שנה: חצי המחיר הנ"ל.

כתבת השלח:
Издательство „АХІАСАФЪ" Варшава.

---

נעהרט אייער פערשטאנד, בערייכערט אייער וויסען, שטארקט אייער געפיהל, הייטערט אייער גייסט — דורך די

# „בלעטער"

## פון איש יהודי

אין וועלכע איהר וועט געפינען,

**וואס זשארגאן דארף און קען געבען**

ארטיקלען פון לעבען און נאטור, וויסענשאפט און קונסט, וויטץ און הומאר.

פרייז פון די „בלעטער":

**50** נומערען (100 גרויסע דרוקבויגען) **4** רובל; **25** נומערען— **2** רובל; **12** נומערען — **1** רובל; **1** נומער — **12** קאפ.

פאר 4 רובל מיט 50 קאפ. בעקומט מען 50 נומערען „בלעטער" און די פארבען געמעלדע חשמונאים מיט פארטא.

אדרעס:

Ред. газ. „Гамелицъ" Л. А. Рабиновичу
С.-Петербургъ Торговая 17.
L. Rabinovitch St.-Petersburg rue Torgova 17.

צום זעלבען פרייז קען מען די „בלעטער" אויסשרייבען אויף „אחיאסף".

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 2

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פירטעל יאהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאָנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העללער.
ענדער'ן די אדרעס קאָסט 20 קאפ.
די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ“, Варшава.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —'15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג
פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.
די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

קראקויא, שבט תרס"ב. נומר 2. Krakau, 9 Januar 1902.

## דר. הערצל'ס רעדע

### אויף דעם 5-טען קאנגרעס.

געעהרטע קאָנגרעס-מיטגליעדער!

מיר פערזאמלען זיך איצט צום 5-טען מאָל — צום פיערטען מאָל אין באַזעל — וואו אונזער בעוועגונג איז פריינדליך אויפגענומען געוואָרען, פאַר וואָס מיר דאַנקען פון אונזער גאַנצען האַרצען. מיר קענען מיט רעכט זאָגען, אַז די גאסטפריינדשאַפט צו אַ בעוועגונג, וועלכע וויל העלפען נויטבעדאַרפטיגע, האָט נאָך מעהר פערגרעסערט דעם אַלטען כבוד פון דער דאָזיגער שטאָדט.

אַ סך פון דעם, וואָס האָט אונז געשטערט אין דער אַרבייט, איז שוין האַלב פערשוואונדען געוואָרען, און אייניגעס איז שוין האַלב דערגרייכט געוואָרען. נור איינס מוזען מיר קודם-כל בעגריסען: דאָס מיר זענען זיך ווידער טריי צונויפגעקומען, און דאָס די יאָהרען האָבען די התלהבות פאַר אונזער שענעם ציעל ניט אָבגעקיהלט. דער טוידט האָט אייניגע טיכטיגע מענשען פון אונז צוגענומען. אַלטקייט, קראַנקהייט אָדער בעשעפטיגונגען האָבען אייניגע ניט געלאָזט אהער קומען, אָבער מיט זייער גאַנצען האַרצען זענען זיי מיט אונז. אונזערע ברידער פון די ווייטע וועלט-טהיילען האָבען אין דער איצטיגער ווינטער-צייט ניט גרינג געקענט אונטערנעהמען אַ ווייטע נסיעה, אָבער אויך אַזוינע זענען געקומען, און נייע מיטאַרבייטער זענען צו אונז צוגעשטאַנען צו אונזער פרייד, און ניט נור יודען! ניט די פערבלענדעניש פון אַ פאַרטיימאַן רעדט אין מיר, ווען איך זאָג, דאָס די מיטהעלפער, וואָס זענען אונז צוגעקומען, זענען די בעסטע און איידעלסטע מענשען. איך ערלויב מיט צו ברייגגען די ווערטער, וואָס דער ענגלישער דיכטער האל-קען האָט ניט לאַנג געזאָגט אויף אַ אַסיפה אין לאָנדאָן: „ווען איך וואָלט געווען אַ יוד, וואָלט איך מיט דעם זעהר שטאָלץ געווען, איך וואָלט שטאָלץ געווען, וואָס איך געהער צו אַנ'אַלטען פאָלק, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבען אייניגע פון די גרעסטע מענשען אין דער וועלט; איך וואָלט שטאָלץ געווען מיט דער אומה, וואָס נעמט נאָך אויך איצט אַ שטאַרקען אַנטהייל אין אַלע וויכטיגע געשעהענישען פון דער וועלט, חאָטש זי האָט ניט קיין טראַהנען, מלכים, סאָלדאַטען און אַפילו קיין איינציג שטיקיל אייגענעם ערד; איך וואָלט שטאָלץ געווען מיט דער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין תנ"ך דערגרייכט אַזאַ הויכקייט, וואָס מען געפינט עס נישט אין די בעסטע ווערק פון דעם מענשליכען גייסט; איך וואָלט שטאָלץ געווען מיט דער געלעגענהייט זיך צו בעטהייליגען אין דער אַרבייט, וואָס וויל די וויסטע מדבריות פון ארץ-ישראל פערוואַנדלען אין אַ לאַנד פון רייכער פרוכטבאַרקייט און גליקליכען לעבען; שטאָלצער פאַר אַלץ וואָלט איך אָבער געווען מיט דער מעגליכקייט, וואָס ווערט איצט געגעבען די יודען, צו אַרבייטען לטובת פון די אָרימע און געדריקטע ברידער זייערע אין די פערשידענע לענדער, כדי דורכצופיהרען די גרויסע רעליגיעזע האָפנונגען, וועלכע האָבען זיי ערהאַלטען ביים לעבען גאַנצע שרעקליכע דריי טויזענד יאָהר".

אַזוי רעדט איין קריסט. די ווערטער, וועלכע לעגען אויף איהם כבוד, פאַסען אָבער ניט פאַר אונז. בנוגע צו אונז איז עס נור אַ חוב, וועלכען מיר מוזען ערפילען. די שוואַכע האָבען רעכט צו פאָדערן הילף פון די שטאַרקערע. ווי מיר שטעלען זיך די הילף פאַר, דאָס האָבען שוין אונזערע קאָנגרעסען געוויזען, און אויך דער היינטיגער קאָנגרעס וועט מן-הסתם אויפקלערען די גערעכטיגקייט פון אונזער פערלאַנג און די עהרליכקייט פון אונזער אַרבייט. די יודישע פראַגע קען נור פון יודען אַליין פערענטפערט ווערען, — דאָס איז אונזער מיינונג.

פון דעם דאָזיגען גרונד-געדאַנקען ערקלערט זיך דאָס איבריגע. דערום זענען מיר אָבגעטרעטען פון די פריהערדיגע וועגען. מיר האָבען ניט געפרופט דורך זידלערייען צו בעווייזען, דאָס מיר זענען שענערע מענשען. מיר האָבען אויך ניט דרשות געהאַלטען איבער די פערברידערונג פון אַלע מענשען, וואָס דאַרף באַלד אין גיכען איינטרעטען. מיר ווילען אויך ניט אָנטהון אויף זיך די מאַסקעס פון פרעמדע נאַציאָנען. ענדליך ווילען מיר אויך ניט איבערקעהרען די גאַנצע איצטיגע וועלט-אָרדנונג. דאָס אַלצדינג איז אונז פרעמד. אַדרבה, מיר גלויבען, דאָס אין די איצטיגע געזעצען און די איצטיגע אָרדנונגען ליגען די מיטלען צו פערענטפערן די יודישע פראַגע.

קודם־כל דארף פערלאנגט ווערען פון מענשען, וואס נעהמען זיך פאר די פערענטפערונג פון אזא שווערער פראגע, דאס זיי זאלען האבען גענוג ישוב־הדעת און רוהע ביי דער בעטראכטונג פון דער איצטיגער לאגע. די לאגע איז זעהר א טרויעריגע, אבער מיט וויינען און יאמערן קומט מען אויף א האר ניט נעהנטער. ווען מיר ווילען זיך ארויסווייזען פאר פעהיג אין דער ארבייט, וועט אונז דאן ניט פעהלען די הילף פון פיעל עהרליכע מענשען. סימנים פאר די ריכטיגקייט פון דער דאזיגער האפנונג, זענען דא א סך. עס מוז יעדען אונפארטייאישען מענשען קלאר ווערען, אז דאס מיטעל, וועלכעס מיר לעגען פאר, איז דאס גרינגדליכסטע. אצונד איז דער יודישער המון ניט נור דער ארימסטער און אונגליקליכסטער, נאר אויך דער אונרוהינסטער וואס בעאונרוהיגט אויך אנדערע. מחנות־ווייז בלאנדזשעט ער ארום אין אלע וועגען, פון איין צרה אין די אנדערע, און ווי גרויס עס איז דאס ביז איצטיגע עלענד פון דעם יודישען המון קען מען זעהן דערפון, אז ער איז שטענדיג גרייט צו ליידען די צרות פון וואנדלען, אום זיך אויסצוזוכען איין נייעס עלענד. צוצובינדען דעם נע־ונד'ניק צו איין ארט און מאכען פון איהם א געזונדען ארבייטער, — דאס אליין וואלט שוין געווען איין הויכער צוועק אהן נאציאנאלע אדער רעליגיעזע טעמים. איהר ווייסט, דאס ביי דער דאזיגער ארבייט האבען שוין אנדערע פאר אונז געפרופט זייערע כחות, מיט דעם גוטען ווילען און מיט גרויסע מאטעריאלישע מיטלען. איהר ווייסט אויך, דאס די אלע נסיונות האבען זיך ניט איינגעגעבען. פאר וואס? ווייל יענע זענען ארויסגעגאנגען פון א פאלשען געדאנקען. זיי האבען געמיינט: דער אנהויב פון אלץ איז געלד. ניין! אין אנהויב פון אלץ איז דער געדאנק. פאר געלד בעקומט מען געדונגענע משרתים, אבער א פאלק קען מיט דעם ניט דערהויבען ווערען. דאס קען נור דורכפיהרען א הויכער געדאנקען, און דער געדאנק האט טאקי אויך אונזער פאלק אויפגעהויבען.

קריטיקירענדיג די פריהערדיגע נסיונות, מוזען מיר זיך אבער אבהיטען פון בעריהמעריי. אונזער שייכות צו די פריהערדיגע ציוניסטען איז ווי דאס שייכות פון מענשען, וועלכע האבען געמאכט נייע פערבעסערונגען אין א אלטער מאשין, וואס האט זיך אבגעשטעלט אין איהר ארבייט. בכבוד'יג איז די אלטע מאשין, אבער איהר ארט איז אין א מוזיי פאר אלטע זאכען. מיר וואלטען ניט אזוי שארף אונטערגעווירעט דעם חילוק צווישען אונז און די פריהערדיגע טהוערס שוין פון כבוד וועגען אליין, ווען מען וואלט ניט תמיד געבראכט די נישט־געלונגענע רעזולטאטען פון יענע נסיונות און פראבען פאר א ראיה נעגען אונז. די צדקה־קאלאניזאציאן איז געפאלען, די נאציאנאלע וועט געלינגען.

ווען מען פרעגט אונז אבער, ווי מיר וועלען אנהויבען די קאלאניזאציאן, קענען מיר אויף דעם לייכט ענטפערן. מיר ווילען די קאלאניסטען מאכען פאר אמת'ע ערדארבייטער, וואס זענען צוגעבונדען צו דער ערד. זיי זאלען לעבען אויף דער ערד און פון דער ערד און ניט פער'דאנה'ט ווי הענדלער, וואס היינגען אב פון די מקחים אויף דעם מארק. אויף דעם מארק זאלען זיי קומען נור, כדי צו פערקויפען דאס איבריגע, וואס בלייבט זיי איבער נאך די איינענע בעדערפנישען. יעדע קאלאניע זאל אליין פיהרען איהר בעל־הבתישקייט אויף די יסודות פון לאנדווירטשאפטליכע שותפות־חברות, ווי עס לערנט אונז דער נסיון און די וויסענשאפט פון דער היינטיגער צייט. אויף די דאזיגע יסודות וועלען מיר דארפען שטעלען אונזער ארבייט, ווען מיר וועלען מיט גאטס הילף בעקומען די עפענטליך רעכטליכע זיכערהייטען פון אונזער פראגראם. אזוי ווערען געמאכט די הכנות פאר די רוהע און מנוחה, צו וועלכע עס רייסט זיך אזוי שטארק דאס גע'רודפ'טע יודישע פאלק.

וואס עס וועט זיך אויפבויען אויף דעם ברייטען און שטארקען יסוד פון א פאלק, וואס וועט זיך פערנעהמען מיט ערד־ארבייט, וועלכע נייע און גוטע בנינים, — דאס וועט אבהיינגען פון פאלק אליין, ווען מיר וועלען איהם געבען די מעגליכקייט אליין צו בעשטימען איבער זיין לעבען. פאר אלע קרעפטען פון דעם יודישען פאלק וועט דארט זיין גענוג ארט, פאר די ניט־געלערנטע ווי פאר די העכסט געבילדעטע. עס

---

## פעלעטאן.

# קליינע מענשעליך

### מיט קליינע השגות.

בילדער

פון שלום־עליכם.

V.

### איהם מעג מען מקנא זיין!

זינט כתריליווקע איז א שטאדט געדענקט דארט קיינער ניט אזא לויה ווי עס האט געהאט רב מלך דער חזן.

רב מלך דער חזן איז געווען א יוד איין ארימאן, איין עני־ואביון, גלייך מיט אלע כתריליווקער בעלי־בתים, און האט פערדיענט אזא לויה נור דערפאר, וואס ער איז געשטארבען ווי א צדיק, ווי א גרויסער צדיק.

דאס איז געווען יום־כפור צו נעילה.

די זון האט שוין געהאלטען ביי אונטערגעהן, זיך געזעגענט מיט כתריליווקע און אריינגעקוקט דורך די פענסטער פונ'ם אלטען בית־המדרש און בעלייכט די טוידטע אויסגעמוטשעטע פנים'ער, די געלע טליתים מיט די ווייסע קיטלען פון די בעלי־בתים, וואס האבען אויסגעזעהן ווי לעבעדיגע מתים.

דאס וואס ווערט אנגערופען הונגער האבען שוין די דאזיגע לעבעדיגע מתים לאנג אויפגעהערט צו פיהלען. זיי האבען נור געפיהלט, אז עס לאזען זיך אויס די כחות, אז עס געהט זיי אויס דאס חיות. זיי זענען געזעסען איבער די מחזורים, געשאקעלט זיך, געקוויקט, ווער מיט „חלש־טראפענס" און ווער מיט א שמעק טאבעקע, און געזונגען, אונטערגעהאלפען רב מלך דעם חזן.

רב מלך דער חזן, א שענער יוד מיט א גרייז גראהע בארד מיט א ברייטען קאלנער, איז פון נאנץ פריה אן געשטאנען פאר'ן עמוד אויף די פיס; ער איז געשטאנען פאר'ן רבונו של עולם מיט אויפגעהויבענע הענט, געדאווענט געטריי, געשמאק, געוויינט און געבעטען ביי איהם רחמים פאר די בעלי־בתים, וואס האבען איהם געשיקט פאר א שתדלן, אחאדאטאיי, מע זאל זיי מוחל זיין זייערע גרויסע זינד און מע זאל זיי אנח'תמנ'ען א גוט קוויטיל, אנצייכענען זיי א גוט יאהר.

אויף אזא אדוואקאט ווי רב מלך האבען זיך די בעלי־בתים פון דעם אלטען בית המדרש, נישקשה, געקאנט פערלאזען.

ערשטענס די געמבע; אלטע בעלי בתים דערצעהלען, אז אין דער יוגענד האט ער, זאגט מען, געהאט א שארפע שטימע, א „שאגת ארי"; האט ער געעפענט א מויל, האבען געציטערט די ווענט פונ'ם בית־המדרש און עס האבען געקלונגען די פענסטער.

היינט איז ער געווען א גרויסער בעל־בכי, פלעג וויינען, גיסען ווי א בערעזינע, און אויף איהם קוקענדיג — דער גאנצער עולם.

אויף דער עלטער איז ביי איהם די שטימע געווארען אביסיל צוגעלענערט און ס'איז איהם פערבליבען נור דאס וויינען, נאר אזא וויינען וואס קאן נעמען א וואנט, אויפוועקען א טוידטען.

וועט דאָן ניט נייטהיג זיין אויסצושליסען פון די שולען יודישע קינדער, ווי עס ווערט איצט געטהון אין איינינע ערטער. און עס איז אויפצוווייזען נאָך אויף אַ פונקט, וועלכער וועט אפשר דעם יודען ניט אַנגערעכענט ווערען פאַר אַ אומ׳כבוד, דאָס די שווערקייטען, וואָס ווערען פאַר יודען געמאַכט אין די שולען, ווערען גערעכענט פאַר די גרעסטע פון די איצטיגע גזרות. פון אַנדערע בעדריקונגען ווילען מיר דאַ ניט רעדען, ווייל מיר ווילען ניט מאַכען אונזער קאָנגרעס פאַר אַ נייעם כותל־מַעֲרבי. ניט קלאגען, נאָר שאַפען מוזען מיר, מיר דאַרפען עס נאָך מעהר דערום, ווייל אַלע ביז איצטיגע יודישע מנהיגים האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אונפעהיג עפּיס וואָס צו טהון. נעבען נדבות ווי מען גיט אַ בעטלער, הייסט ניט העלפען. די נדבות זענען נור אַ צוזאַמענבונד צווישען יענע רייכע און אָרימע, וועלכע האָבען אַ גלייכען פּחד פאַר אַרבייט. אָבער די דאָזיגע ביידע טהיילען זענען ניט דאָס גאַנצע יודישע פאָלק.

אין די לעצטע יאָהרען איז צוגעקומען כלומר׳שט נאָך אַ מין הילף: אַוועקצושיקען די אויסגעריסענע פון אייראָפּאַ נאָך דער נייער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער: די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ. ליידער איז די ענטדעקונג אַביסיל צו שפּעט געמאַכט געוואָרען. אַמעריקאַ וויל פון די אָרימע עמיגראַנטען נישט מעהר וויסען, דאָסזעלבע אויך ענגלאַנד. אויך אין אַמעריקאַ איז פאַרהאַן איין גרויסעס יודישעס עלענד. אויך אין אַמעריקאַ איז פערברייטעט געוואָרען די דֵעה, דאָס אונזער תשובה אויף די יודענפראַגע איז די ריכטיגסטע. אַ ראיה דערצו איז די גרויסע צאָהל פון די ציוניסטישע חברות, וועלכע ציהען זיך אין אַ לאַנגער קייט פון דעם צפון אין צפון־אַמעריקאַ ביז צו דעם דרוֹם פון דרום־אַמעריקאַ, פון קאַנאַדאַ ביז אַרגענטיניען. נור אין געוויסע טהיילען פון מערב־אייראָפּאַ ווילען נאָך די יודען אַלץ ניט איינזעהן, אַז מיר זענען גערעכט.

אונזערע געגנער זאָגען, אַז עס זענען פאַרהאַן פּאָליטישע מניעות, וועלכע קענען ניט אַריבערגעשטיגען ווערען, אָבער דאָס קען מען אויך ווענגען דער קלענסטער מניעה זאָגען, ווען מען האָט נור ניט דעם חֵשק זי אַריבערצושטייגען. אין די פינף יאָהר האָבען מיר ניט געקאָנט בעמערקען, האָטש מיר האָבען זיך צו אַלע סימנים גוט צוגעקוקט, דאָס די פעלקער און רעגירונגען זענען געגען אונז. ווען מיר האָבען דאָ און דאָרט געהערט פריינדליכע שטימען פאַר די יודען, האָבען מיר דאָס נור דעם ציוניזם צו פערדאַנקען. און פון דער אַנדער זייט דאַרפען אויך די רעגירונגען און פעלקער דאַנקבאַר זיין דעם ציוניזם, וואָס ווייזט דעם וועג פון הילף און שלום, דעם וועג, אויף וועלכען מען קען מאַכען אַ סוף איין מאָל פאַר אַלע מאָל דער יודישער פראַגע אָהן ווילדקייט, אָהן די אַכזריות פון די אַמאָליגע צייטען, און אַדרבה אין גרעסטען שלום און צופרידענהייט.

קודם־כל מוזען מיר נאַטירליך פרעגען, ווי מען האַלט פון אונז אין טערקיי און וואָס עס טראַכט איבער אונז דער הערשער פון לאַנד. אין מאַי פון היינטיגען יאָהר האָב איך געהאַט די זכיה אויפגענומען צו ווערען אין אַ לאַנגער אַאודיענץ פון זיין מאַיעסטעט דעם סולטאַן עַבְּדוּל־חַמִיד. די פריינדליכקייט און הערצליכקייט, מיט וועלכע ער האָט מיך אויפגענומען, האָבען מיר פול געמאַכט מיט די בעסטע האָפנונגען. פון די ווערטער און בענעהמען זיך פון זיין מאַיעסטעט האָב איך געקראָגען די איבערציינונג, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט אין דעם טערקישען הערשער אַ גוטען פריינד. דער סולטאַן האָט מיר בעאויפטראַגט, דאָס אָפען מודיע צו זיין. זאָלען דאָס הערען די יודען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַר אַ האָפנונגען עס ליגט פאַר זיי אין דעם, און זאָלען זיי ענדליך זיך צוגרייטען צו איין אַרבייט, דורך וועלכע זיי קענען זיך אַליין העלפען און מיטהעלפען אויך דער טערקישער מלוכה ניי אויפצולעבען און אויפצובליהען.

געעהרטע קאָנגרעסמיטגליעדער!

מיר, וועלכע האָבען געהאַט די פאָלמאַכט פון אייך, זענען שוין מיט אונזער ערשטער אַרבייט פאַרטיג. מיר זענען גלייך צו מעכאַניקער,

---

רב מלך הויבט אויף ביידע הענט און טענ׳עט זיך אויס מיט׳ן רבונו של עולם מיט׳ן געוויסען וויינענדיגען נִגון פון נעילה:

— אוי וועה, טאַטע! אוי וועה, פאָטער! אוי וועה, אוי וועה!...

און איטליכער בשעת־מעשה האָט חרטה אויף זיינע גרויסע זינד, בעט ביי גאָט ער זאָל אָבמעקען, מוחל זיין, פערגעסען, און שיינקען זיי אַ גוט יאָהר פאַר זיי און פאַר זייערע נאַקעטע באָרפיסע, הונגעריגע קינדערליך.

און דערמאַנען זיי זיך אָן זייערע קינדערליך, די אומשולדיגע נפשות נעביך, ווערט זיי דאָס הארץ צעגאַנגען אזוי ווי וואַקס, און זיי זענען גרייט צו פאַסטען נאָך דריי טעג מיט נאָך דריי נעכט אַבי אויסבעטען ביי דעם וואָס לעבט אייביג אַ גוט יאָהר...

און רב מלך דער חזן, אביסיל אָבגעריהט זיך און איבערגעהאַפּט דעם אָטעם, טהוט ער זיך אַ קאַטשע אויפ׳ן האַלז, אַ ציקעל אויפ׳ן אלטען שטיינער:

— אַטונעם—נעם־נעם־דע־ע־עי! אַטונעם־נעם־נעם־דע־ע־ע; ע־ע־עי!... און לאָזט אוים ווידער מיט אַ געבעט און מיט אַ געוויין:

— אוי וועה! אוי וועה! אוי וועה!... אוי וועה!...

און פלוצים ווערט מיט אמאָל שטיל און עס הערט זיך עפּים אַ פאַל און אַ קלאַפּ און אַ שטופּעריי און אַ שושקעריי:

— ששש... שאַ... שאַ! ממ... ממ...! אי־אָ־נו! שמש! שמש!...

לויפט צו חיים דער שמש און חאַפּט אונטער רב מלך דעם חזן אונטער די הענד, און רב מלך דער חזן פערוואַרפט דעם קאָפּ אַרינטער, די אויגען האַלב־אָפען. דאָס פּנים ווייס ווי קאַלך, די ליפען טוידט און עפּים אַ שמייכעלי, אַ ביטער שמייכעלי שפּיעלט אויף זיי.

דער עולם טהוט זיך אַוואָרף, מע טראָגט איהם אונטער חלש טראָפען צו דער נאָז, מע שפריצט איהם אָב מיט וואַסער, מע קוועטשט איהם ביי די שליפען — בלאַטע! — רב מלך דער חזן איז טוידט. רב מלך דער חזן איז געשטאָרבען . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַ וואָלף אַז עס חאַפּט זיך אַריין אין דער טשערעדע און פערציקט אַ שעפּעלע, ווערט צווישען די איבעריגע שאָף אַ טומעל, אַ מהומה אויף אַ וויילע; נאָכדעם שלאָגט מען זיך צענויף אַלע איניאיינעם און מע הויבט אָן ציטערען מיט אַלע גליעדער.

אזוי איז געוועזן אינ׳ם אלטען בית המדרש, בשעת רב מלך דער חזן איז געשטאָרבען.

עס איז געוואָרען אויף אַ וויילע אַ טומעל אַ גערודער; פון דער ווייבערשער שול האָט זיך געלאָזט הערען אַ מאָדנער קוויטש — דאָס האָט צביה די חזנ׳טע געחלש׳ט, און אויף איהר קוקענדיג זענען געפאַלען חלשות נאָך עטליכע ווייבער.

האָט רב יוזיפּיל דער רב אַ ווינק געטהון צו די גבאים, און די גבאים האָבען אַ פּאַטש געטהון אין די סטענדערס ס׳זאָל זיין שטיל, און חיים דער שמש (ער איז טאַקי געוועזן בעל־שחרית) איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט זיך געשטעלט דאַווענען ווייטער, און דער גאַנצער עולם האָט געדאַוועט ווייטער, ביז רב ניסיל בעל־תוקע האָט געגעבען דעם לעצטען בלאַז.

וועלכע האבען געדארפט אויפשטעלען א עלעקטרישע פאבריק. מיר האבען די מאשינען אויפגעבויט, וועלכע קענען די קרעפטען פונאנדערטהיילען ; מיר האבען אויך די דראטהען אויסגעצויגען, דערהויפט אין אזוינע ערטער, צו וועלכע מען האט פריהער גאר ניט געקענט צוקומען דערמיט איז אונזער ארבייט אבגעטהון געווארען. דערלאנגט א קוק אויף איהר איצט !

די הויפטזאך אין אונזער בויען איז געווען דער קאנגרעס, איין ארט, וואו עס קומען צוזאמען די שלוחים פון די צווייטע אין דער גאנצער וועלט, א יודישע בימה, וואס איהר כבוד וועקט פון יאהר צו יאהר אליך גרעסער דורך די ערנסטקייט און די ריינע כונות פון די מענשען, וואס רעדען פון איהר. פון דאנען געהען שוין היינט ארויס נייע געדאנקען פאר אלע גלות-לענדער. אין אלע לענדער פון אייראפא, אין צפון און אין דרום פון אמעריקא, אין צפון און אין דרום פון אפריקא, אין סיבירען, אינדיען און אויסטראליען זענען אצונד פארהאן ציוניסטישע אגודות, וואס זענען אויפגעבויט אויף דעם באזעלער פראגראם. היינטיגעס יאהר איז דאס ערשטע מאל געווען אומעטום צו גלייכער צייט דער וועלט-ציוניסטען טאג, אויף וועלכען עס האבען טהייל גענומען פיעל הונדערטער טויזענדער יודען.

דורך אונזערע חברות איז אומגעריכט א נייעס לעבען אריין אין דאס יודענטהום. עס זענען פארהאן א סך איינצעלנע כחות, וועלכע קענען צוזאמענגעבונדען ווערען מיט א גרויסע קראפט. דער נוטצען פון דעם ציוניזם פאר דעם מוסר און רוחניות פון פאלק איז שוין היינט זעהר גרויס, דאס קענען אפילו אונזערע געגנער ניט אבלייקענען. א גאנצע מחנה פון דיכטער, קינסטלער און געלערענטע זענען א דאנק אונזער רעיון אויפגעשטאנען פיל מיט התלהבות. א חידוש נפלא, דאס ניט נור יודען אליין, ווי מיר האבען שוין פריהער געזאגט. דאס איז א ראיה, דאס אונזער ציעל איז איין הויכעס און איין אלגעמיין מענשליכעס. און עס פאלען שוין ליכטשטראהלען אין פערשידענע פינסטערע ווינקלען פון אונזער ארימען פאלק. פאלקס-הייזער, בילדונגס-הייזער ווערען געגרינדעט אין פיעל ערטער. אין דער שולע און אין דער פאמיליע שטעהט ווידער אויף איין אידעאל פאר דעם יונגען דור. אין די אוניווערזיטעטען האט א נייער גייסט בעלעבט די סטודענטען. ארבייטער און פריקאשטשיקעס קומען זיך צוזאמען און האלטען ויכוחים איבער יודישע אידעאל-פראגען. צוגלייך ווערט אויך געזארגט פאר די קערפערליכע אויסבילדונג דורך חברות פון גימנאסטיקע. עס ווערען אויך געגרינדעט חברות פון געזאנג. עס ענטשטעהען אומעטום חברות זיך געגענזייטיג צו שטיצען. דאס אליך ווערט געטהון אין נאמען פון ציוניזם. מיר קענען נור די אלע אנשטאלטען אויפשטעלען,—דאס פאלק אליין אבער מוז זיי אויסהאלטען און זיי ווייטער פיהרען.

און דאסזעלבע קענען מיר אויך זאגען איבער דעם פינאנץ-אינסטרומענט פון אונזער בעוועגונג. די יודישע קאלאניאל-באנק אין לאנדאן איז שוין איצט ארבייטספעהיג. די געגנער האבען אין אנהויב פיעל שלעכטס פון איהרטוועגען אויסגעטראכט. אבער דא זענען ניט געווען רוחים פאר די גרינדער אדער אנדערע פערדינסטען און טובות פאר דעם אויפזיכטסראטה (דעם וועד פון די משגיחים), און די מנהיגים האבען קיין אנדערע צוועקען ניט געהאט, אויסער זיכער צו שטעלען דאס פאלקספערמעגען געגען יעדע געפאהר. מיר מוזען אויך ווייטער זארגען, אז דאס פערמעגען פון דער באנק זאל אבגעהיט ווערען מיט דער גרעסטער פארזיכט, שפארעוודיג און בעסער מיט מעהר פחד איידער מיט צו פיעל צוטרוי. דער קאנגרעס האט די השגחה איבער די באנק דורך זיינע אויסגעקליבענע און אין דעם ליגט דער ווערט פון דער איינריכטונג. איבער די הנהגה מוז אבגעגעבען ווערען פאר דער וועלט דין וחשבון. די מיטלען, וועלכע זענען בעשטימט פאר דעם פאלקס צוועק, טארען ניט דורך דעם ווילען אדער דורך דעם טעות פון איינצעלנע מענשען, פערברויכט ווערען פאר אנדערע זאכען. אונזער פינאנץ-אינסטיטוט מוז געפיהרט ווערען נאך די יסודות, וואס ווערען אויסגעארבעט אויף די קאנגרעסען,

---

נאכדעם האט מען געמאכט א ברכו, זיך געשטעלט דאווענען דעם וואכענדיגען מעריב, און אז מע האט אבגעדאווענט דעם וואכענדיגען מעריב, איז מען געגאנגען ארויס מחדש זיין די לבנה, און אז מע האט מחדש געווען די לבנה, איז מען ערשט דעמאלט געגאנגען אהיים זיך אבפאסטען, ווער מיט א פערטיל עוף פון די כפרות און מיט א גלעזיל וואריס'ס, און ווער מיט א שטיקיל ברויט מיט הערינג און מיט גלאט א טרונק וואסער.

אין א שעה ארום נאכ'ן אבפאסטען זיך איז דער גאנצער שולהויף שוין געווען פערפלייצט מיט מענשען. ס'איז ניט געווען קיין שפילקע דורכצו-ווארפען.

יודען און ווייבער, יונגליך און מיידליך, קינדער פון די ווינעליך — אלע זענען זיך צענויפגעקומען אויף דער לויה.

בעלי-בתים האבען זיך אליין מתעסק געווען אין דער מצוה, נישט צוגעלאזט די שמשים, א קלייניגקייט אזא מת !

די נאכט איז געווען א ליכטיגע און א ווארימע. די לבנה האט אראבגעשיינט אויף כתריליווקע און האט אנגעקוועלט פון די ארימע לייט, וואס זענען געקומען אבגעבען כבוד רב מלך דעם חזן פאר זיין אוועקגעהן אהין אין זיין ווייטען וועג אריין, און אז מע האט זיך אבגעשטעלט מיט דער מטה קעגען אלטען בית המדרש, האט זיך רב יוזיפיל דער רב אוועקגעשטעלט מאכען א הספד און דער גאנצער עולם האט געוויינט.

רב יוזיפיל דער רב האט אויסגעוויזען מיט פסוקים און מיט מדרשים אסך, אז רב מלך דעם חזן'ס טוידט איז נישט קיין געוויינטליכער טוידט פון א געוויינטליכען מענשען, אז אזוי שטארבען שטארבט נור א צדיק און א גרויסער צדיק, אז אזא צדיק געהט פון דאנען גלייך אי גן-עדן אריין, אזא צדיק בעדארף איטליכער מקנא זיין, און איטליכער בעדארף זיך ווינשען אזא טוידט, ווארום נישט איטליכער איז זוכה צו שטארבען יום-כפור צו נעילה ביים עמוד, און אזא צדיק אז ער פאהרט אב פון שטאדט, בעדארף די גאנצע שטאדט איהם נעהן בעלייטען, און אזא צדיק אז ער שטארבט אב אין שטאדט, בעדארף די גאנצע שטאדט וויינען און קלאגען.

— וויינט זשע, יודען און קלאגט אויף דעם צדיק, וואס מיר האבען פערלארען, און בעט איהם, ער זאל דארט זיין א מליץ-יושר פאר'ן כסא-הכבוד צום נייעם יאהר, טאמער וועט ער טאקי אויסבעטען פאר אונז אלע-מען א גוט יאהר, שוין צייט נאט זאל רחמנות האבען אויף כתריליווקע !

דער גאנצער עולם האט געוויינט, געגאסען מיט טרעהרען און געגלויבט, אז זיי האבען אוועקגעשיקט פאר זיך א גוטען שלוח, א רעכטען שתדלן צום אויבערשטען.

אין דער מינוט האט זיך איטליכער געווינשען צו זיין אויף רב מלך דעם חזן'ס ארט...

און רב יוזיפיל האט זיך אזוי צעפלאקערט, אז ער האט שוין גאר פערגעסען, אז ער רעדט מיט א טוידטען, און האט אויסגעלאזט זיין הספד מיט די דאזיגע ווערטער :

— לך לשלום — געה געזונד און זיי מצליח !...

לאנג-לאנג נאכדעם האט מען נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען אין כתריליווקע פון רב מלך דעם חזן'ס טוידט און פון דער לויה וואס ער האט געהאט, און מע האט געזאגט מיט א זיפץ :

— יא, א י ה ם מעג מען מקנא זיין...

(פארטזעטצונג קומט).

און מיט דער פֿאַרזיכט און טרייסטאַפּט פֿון אַ גוטען פֿאָטער, וואָס זאָרגט פֿאַר זיין פֿאַמיליע. און איצט, ווען די באַנק עקזיסטירט, קענען מיר שוין זיך נעהמען דורכצופֿיהרען דעם פּלאַן, וועלכען אונזער פערשטאָרבענער פֿריינד, דער היידעלבערגער פּראָפֿעסאָר שאפּירא האָט פֿאָרגעלעגט אויף דעם ערשטען קאָנגרעס: די שאַפֿונג פֿון אַ נאַציאָנאַלפֿאָנד. דאָס געלד וועט אָװעקגעלעגט ווערען אין אונזער קאָלאָניאַל־באַנק. אין פֿערלויף פֿון אונזערע בעראַטהונגען וועט איהר זיך בעקאָנען מיט דעם נייעם פּלאַן און איבער איהם בעשליסען. דאָס פֿאָלק זאָל ניט נור זיין דער גרינדער, נאָר אויך דער שטענדיגער בעל הבית פֿון דעם נאַציאָנאַלפֿאָנד. מיט דעם זאָל אויך אויסגעשלאָסען ווערען די מעגליכקייט צו בענוטצען דאָס געלד פֿון דעם קרן קימת אויף זייטיגע זאַכען, וואס זענען געגען דעם פֿערלאַנג פֿון דעם גרינדער.

אַזוי קענען מיר מיט אַ געוויסען רעכט זאָגען, אַז די ערשטע אויפֿגאַבע האָבען מיר פֿאַרטיג געמאַכט. די אינסטיטוטען זענען דאָס רוב נור אָנגעצייכענט און נויטהיגען זיך אין פֿערבעסערונג, אָבער זיי זענען שוין פֿאַרהאַן. דאָס יודישע פֿאָלק קען זיי ווייטער אויסבויען, שטאַרקער מאַכען און בענוטצען, ווען עס וועט נור ווילען. אין אַלע אונזערע אַרבייטען האָבען מיר זיך בעמיהט, אַז זיי זאָלען ניט זיין אָבהענגיג פֿון איינצעלנע מענשען. נור דאַן קענען זיי האָבען אַ לאַנגען קיום. קיין איינציגער איז ניטאָ איצט צווישען אונז, אָהן וועלכען די בעוועגונג וואָלט ווייטער ניט געקענט געהן. ווער עס זאָל פֿון אונז ניט אַוועקגעהן אָדער ווער פֿון אונז זאָל ניט פֿאַלען, — אונזער זאַך וועט געהן ווייטער.

ווי גיך אָדער לאַנגזאַם עס וועלען אַריינטרעטען די ווירקונגען, צו וועלכע מיר גרייטען זיך צו, קענען מיר ניט וויסען. פֿון אונז דאָ הייגנט דאָס ניט אָב. מיר האָבען נור געקאָנט די פֿאַבריק אויפֿבויען, די קראַפֿט אָבער קענען מיר ניט געבען. די קראַפֿט מוז געליעפֿערט ווערען פֿון יודישען פֿאָלק, — ווען עס וועט נור ווילען.

---

## דער פינפֿטער ציוניסטען־קאָנגרעס.

### 1.

דאָנערסטאַג, צעהן אַ זייגער אין דער פֿריה האָט ד״ר הערצל געעפֿענט דעם פֿינפֿטען ציוניסטען־קאָנגרעס. צום קאָנגרעס זענען געקומען 278 דעלעגאַטען; מעהר ווי 120 פֿון רוסלאַנד. צווישען די דעלעגאַטען זענען דאַ צוויי פֿון דרום־אַפֿריקא, איינער פֿון דער רוסישער מאַנדשזוריע און איינער פֿון ניי־זעלאַנד אין אויסטראַליען. דערביי זענען אויך פֿון זיבען ביז אַכט הונדערט געסט.

די רעדע פֿון ד״ר הערצל, בשעת דעם עפֿנען פֿון קאָנגרעס, געבען מיר אין וואָרטליכער איבערזעטצונג.

נאָך דער רעדע, וועלכע האָט אַרויסגערופֿען שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען, האָט מען אויסגעקליבען דאָס פּרעזידיום: ד״ר הערצל אַלס פּרעזידענט, ד״ר נאָרדוי, ד״ר טשלענאָוו און ד״ר גאַסטער אַלס וויצע־פּרעזידענטען. וויל ד״ר גאַסטער איז אָבער ניט געקומען צום קאָנגרעס, האָט מען אויף זיין אָרט אויסגעקליבען סיר פֿרענסיס מאָנטעפֿיארע.

נאָך די וואַהלען האָט דאָס מיטגליעד פֿון אַקציאָנס־קאָמיטעט אַרכיטעקטאָר מאַרמאָרעק פֿאָרגעלייענט דעם בעריכט פֿון גרויסען אַקציאָנסקאָמיטעט. ער וויזט, ווי גרויס און ברייט די ציוניסטישע בעוועגונג איז אין לעצטען יאָהר אויסגעוואַקסען. — אין אַלע פֿערוואָרפֿענסטע עקען פֿון דער וועלט זענען ציוניסטישע אַגודות געגרינדעט געוואָרען, ווי אין מזרח אַזוי אין מערב, אין אַמעריקא, אַפֿריקא און אויסטראַליען. אין סיביריען און הינטער אַזיען זערען בעזאָנדערע ציוניסטישע פֿעראייניגונגען געגרינדעט. אין סקאַנדינאַוויען האָט זיך אויך אַ שטאַרקע ציוניסטישע בעוועגונג אָנגעהויבען. — ער שילדערט אין קורצען די ביטערע לאַגע פֿון די יודען אין רומעניען און אין אַנדערע לענדער. ווייניג וואָס זיי ליידען אַזוי אונערבאַרעמליך פֿון די געזעצען, וועלכע בעשטעהען שוין ווענען זיי, האַנדעלט עס זיך אומעטום אום נאָך נייע שלעכטע געזעצען איבער יודען אַרויסצוגעבען. ניט נור אין דעם ווילדען רומעניען, נאר אַפֿילו אויך אין דעם הויך ציוויליזירטען ענגלאַנד. נייע גרויסע עמיגראַציעס הויבען זיך אָן, הונדערטע טויזענדע אָרימע ווערען צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און טרייבען זיך אַרום פֿון איין עק וועלט אין דער אַנדערע: וואוהין זיי קומען, האָבען זיי שוין פֿערשפּעטיגט. —

דער אַקציאָנסקאָמיטעט האָט אויסער זיין אַרבייט אום צו זיין הויפּט־ציעל צוצוקומען, נאָך אַנדערע אַרבייט געטהון. ער האָט אין פֿערשיעדענע שטעדט פֿאָלקס־הייזער געגרינדעט; ציגויפֿגעזעצט אַ קאָמיסיאָן פֿון מענשען, וועלכע זאָל זאַמלען די גאַנצע ציוניסטישע ליטעראַטור, ווי די ליטעראַטור איבער פּאַלעסטינאַ און זי צו אָרדנען. — עס האָט געוויסערמאַסען פּרובירט צו העלפֿען די אַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ; די פּראָבע האָט זיך ניט איינגעגעבען; מיר האָפֿען אָבער, אַז אין ניכען וועלען מיר זיין אומשטאַנד מיט אייגענער הילף די אַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ צו העלפֿען. ער רעכענט אויס, וויפֿיעל ציוניסטישע בלעטער, אין אַלע מעגליכע שפּראַכען, ס׳ווערען פֿון אַקציאָנסקאָמיטעט אונטערשטיצט אָדער זיי ערהאַלטען זיך אַליין; ער דערמאַנט אויך מיט הייסע ווערטער דעם „וועלט־ציוניסטענטאָג״. —

ה׳ קעסלער פֿון יאָהאַנעסבערג דערצעהלט, ווי ווייט דער ציוניזם איז פֿערשפּרייט אין דרום־אַפֿריקא, חאָטש אַפֿילו די לעצטע מלחמות האָבען גרויסע שאדען אָנגעמאַכט אין לאַנד.

נאָך די רעדען האָט מען אויסגעקליבען אַ פֿינאַנץ קאָמיסיאָן און אַנ׳אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיאָן.

בערטהאָלד פֿייוועל און מ. בובער שטעלען איין אַנטראַג, מען זאָל ענדערן די אָרדנונג פֿון די אויפֿגעשטעלטע פֿראַגען, מע זאָל היינט ביינאַכט האָבען אַ נאַכטזיצונג, וואו ס׳זאָל בעהאַנדעלט ווערען די באַנק־פֿראַגע. דער אַנטראַג איז אָנגענומען געוואָרען. — דערמיט איז די ערשטע אסיפה געווען געשלאָסען.

האַלב פֿינף נאָך האָט מיטאָג זיך די צווייטע קאָנגרעס־זיצונג געעפֿענט. —

ד״ר בערנשטיין־כהן דערצעהלט: ווי דער ציוניזם וואַקסט אין רוסלאַנד אין דער ברייט, ווי אין דעם יאָהר זיינען פֿון ציוניסטען, פֿיעל קאָנזום־פֿעראיינען און אויך פּראָדוקטיוו־פֿעראיינען, געגרינדעט געוואָרען. ד״ר הערבסט פֿון בולגאַריען, דערצעהלט: אַז פֿון 30,000 יודישע נפשות אין בולגאַריען זענען דאָ 2000 ציוניסטען; ה. דע־העז פֿון ענגלאַנד: דער ציוניזם איז שטאַרק אויסגעברייטעט; די עפֿענטליכע מיינונג ווי די פּרעסע אין לאַנד האַלט פֿאַר אונזער פֿאָלקס־בעוועגונג; אַ חוץ דעם, האָט אַ גרויסע צאָהל פֿון מיטגלידער פֿון ענגלישען אונטערהויז צוגעזאָגט צו שטיצען דעם ציוניזם. 7,500 ציוניסטישע מיטגלידער זענען דאָ אין 78 אַגודות; פֿאַר אַיאָהרען זענען נור 36 אַגודות געווען. פֿיעל אַרבייטעט דער ענגלישער ציוניסטען־פֿערבאַנד, כדי דעם ציוניזם צו פֿערברייטען אין די ענגלישע קאָלאָניען; די אַרבייט ברייגנט רייכע

פֿרוכט. איבער דייטשלאַנד דערצעהלען: ד״ר ק ל ע ע, ד״ר י ע ר ע־
מ י אַ ס און ד״ר ב אָ ד ע נ ה י י מ ע ר. די צאָהל פֿון די ציוניסטען אין
דייטשלאַנד — דערצעהלט ד״ר קלעע איז איצט דריי מאָל אַזוי
גרויס ווי פֿאַר איאהרען. רוסלאַנד ניט געלד און דייטשלאַנד שכל —
אינטעליגענץ —ביידע זענען גוט פֿאַר דעם ציוניזם. דער צווייטער
רעדנער פֿון דייטשלאַנד, י ע ר ע מ י א ס, בעהויפּטעט דאָס אומגע־
קעהרטע. ער קלאָגט ביטערליך אויף דעם ציוניזם אין דייטשלאַנד,
וועלכער ריהרט זיך כמעט ניט פֿון אָרט. דאָס דייטשע יודענטהום איז
זיך מתעסק מיט וואָס איהר ווילט, נאר ניט מיט ציוניזם. ער בע־
שולדיגט דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט דערין, וואָס עס בעמיהט זיך ניט
מעהר צו טהון, כדי דעם ציוניזם אין דייטשלאַנד צו פֿערברייטען,
ד״ר באָדענהיימער לייקענט אָב די בעהויפּטונגען פֿון ד״ר יערעמיאַס.
ער ווייזט, אַז זיי האָבען פֿיעל געאַרבייט, כדי דאָס דייטשע יודענטהום
י ו ד י ש צו מאַכען, ס׳האָט זיי פֿיעל מיהע געקאָסט, ביז זיי האָבען
אין ק ע ל ן און אין מ אַ נ ה י י ם אַ גרויסע צאָהל פֿון ציוניסטען
אין די ראָשי הקהל אויסגעקליבען; פֿיעל מיהע האָט זיי געקאָסט
דער „יודענטאַג״ אין דייטשלאַנד, פֿון וועלכען דער ציוניזם קען פֿיעל
האָפֿען. ה׳ אַ ב ר אַ מ ס אָ ן אויס אונגאַרן, בעקלאָגט זיך אויף דעם
אַקציאָנס־קאָמיטעט, פֿאַר וואָס ער טהוט ד אָ ר ט גאָר ניט פֿאַר׳ן
ציוניזם, חאָטש דאָרט זענען דאָ אַכטמאַל הונדערט טויזענד יודען; דאָס
איינענע חזר׳ט איבער נאָך איין אונגאַרישער דעלעגאַט. דעלעגאַטען פֿון
קאַנאַדא, רומעניען, צפון־אַפֿריקא, פֿראַנקרייך און פֿון קליינע אַנדע־
רע לענדער ריהמען דעם צושטאַנד פֿון ציוניזם אין זייערע ערטער.
שרעקליך לאַנגווייליג איז געוואָרען צו הערען די אַלע איינאַרטיגע רעדען.

ד״ר א ו ו י נ א ו ו י צ ק י, אין זשאַרגאָן און סטודענט ס י ר ק י ן
אין העברעאיש, האָבען דעם דאקטאָר קלעע קורץ און שאַרף אויפֿ-
געקלערט איבער דעם אונטערשיעד פֿון דעם ציוניזם אין דייטשלאַנד
און אין רוסלאַנד. בעסער האָט ד״ר ו ו י י צ מ אַ ן גערעדט און געוויזען,
אַז אינטעליגענץ איבערהויפּט איז אפשר ביי די דייטשע יודען מעהר
דאָ, אָבער י ו ד י ש ע אינטעליגענץ האָבען מיר ביי דעם רוסישען און נור
ביי דעם רוסישען יודען. — אָבער ניט זיך אויסצורעכנען, וועך איז ב ע ס ע ר,
איז אונזער ציעל. דאָ האַנדעלט עס זיך אום דער קריטיק איבער דעם
בעריכט פֿון אַקציאָנס־קאָמיטעט. ליידער קען מען ניט רעדען דער־
פֿון, וואָס אין בעריכט ש ט ע ה ט, ווייל עס שטעהט אין איהם גאָר
ניט. מיר וועלען אָבער פּרובירען רעדען דערפֿון, וואָס אין בעריכט
שטעהט נ י ט. מיר ווייסען אַפֿילו ניט פֿון איהם: ווי האַלט עס
ב א מ ת מיט׳ן ציוניזם אין דער וועלט. אַז מיר פֿערגלייכען די
קריטיק איבער בערנשטיין־כהנים בעריכט מיט דער קריטיק איבער
דעם בעריכט פֿון גרויסען אַקציאָנס־קאָמיטעט, שטוינען מיר נור.
דאָרט האָט מען זיך בעקלאָגט, פֿאַר וואָס ס׳איז דאָ וועניג ציפֿער,
דאָ איז גאָר קיין ציפֿער ניטאָ און... דער עולם איז צופֿריעדען. נור
ל י כ ט י ג ע זייטען ווייזט מען אונז. ווען מיר וואָלטען די שאַטען־
זייטען אויך געזעהען, וואָלטען מיר ערשט דעמאָלט געקענט רעדען
איבער דאָס ליכט צי איז עס שטאַרק אָדער שוואַך. אין אמת׳ן איז דאָס
אַקציאָנס־קאָמיטעט ניט שולדיג דערין, וואָס דער ציוניזם געהט ניט
אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך אונז געוואָלט; אפשר זענען מיר אליין שולדיג
אין דעם — אונזער ש ו ל ד דאַרף אונז אָבער דער אקצ. קאָמ.
ווייזען, קוים פֿ ע ר ש ו ו י י ג ט ער אָבער אַלע שוואַכע זייטען, פֿאַלען
ממילא אַלע אחריות פֿאַר די שוואַכקייט אויפֿ׳ן קאמיטעט אליין.

ד״ר ה ע ר צ ל: מיר האָבען, דעם אמת זאָגענדיג, אַ שאַרפֿערע
קריטיק ערוואַרטעט איידער די, וואָס מיר האָבען דא געהערט. אונזערע
קאָנגרעסען בעשטעהען, אָדער דאַרפֿען על כל פנים בעשטעהען, אין
דעם, וואָס מיר מאַכען אונז פֿאָרווירפֿע איינער דעם אַנדערן. מען האָט
אונז מילד בעהאַנדעלט, מיר וועלען אונזערע קריטיקער אויך אַזוי
בעהאַנדלען. דער ציוניזם ווערט נישט שוואַכער און ניט שטאַרקער
דערפֿון, וואָס מיר טהוען ניט אָדער טהוען יאָ. די שטאַרקייט פֿון
ציוניזם ליעגט אין איהם און אין זיין ענטוויקעלונג. אין דער הינזיכט
דאַרף מען באמת אונצופֿרידענער זיין. די טאַגעסאָרדנונג ווייזט, אַז
מיר פֿיהלען, אַז מען דאַרף פֿיעלעס אויסבעסערען; דאָס וועט זיך
אַרויסשטעלען ביי די ויכוחים איבער אָרגאַניזאַציאָן. כדי צו שטאַר־
קען אונזער בעוועגונג, מוזען מיר נאָכאַמאָל דורכזעהן די ו ו א ו ר צ ע ל
פֿון דער בעוועגונג און זי נאָכאַמאָל בעטראַכטען, אין רומעניען שטריי־
טען ציוניסטען געגען ציוניסטען; די שטרייטען מוזען אויפֿהערן. אונ־
זער הוב יפֿו׳ער שול האָבען מיר בעצאָהלט; דאָס פֿיהרט שוין אָבער
צו דער קולטור־פֿראַגע; מיר ווילען זיך דערין ניט אַריינלאָזען.
מען וואַרפֿט אונז פֿאָר: מיר האָבען אין אונגאַרן דעם ציוניזם ניט
פֿערברייטעט. מיר האָבען דאָרט געהאַט אַ מיטגליעד פֿון אַקציאָנס־
קאָמיטעט, מיר האָבען דאָרט אַ בלאַט געשטיצט, און דאָך קענען
מיר ניט חאָפֿען פֿון דאָרטען עטוואָס צו האָבען פֿאַר׳ן ציוניזם. די
ציוניסטען אין אַלע לענדער אָרגאַניזירען זיך אַליין און שטעהען צו
צו אונז; מיר ווילען ניט פֿערברייטען אונזער בעוועגונג קינסטליך.
וויצמאַן האָט ניט געפֿונען קיין שאָטען אין אונזער בעוועגונג; די
שאָטען דאַרפֿען, אַזוי מיינען מיר, די ק ר י ט י ק ע ר אויפֿ׳ן קאָנגרעס
פֿאָרשטעלען, מיר דאַרפֿען דאָך ניט אַליין קריטישער זיין ווי די
קריטיק. וואָס דער 4 טער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען, האָבען מיר
ממלא געווען. מען וויל מיר זאָלען דאָ זאָגען וואָס האָבען מיר גע־
טהון אַלס אויפֿזיכטסראַט פֿון דער באַנק; דעריבער וועט מען רעדען
בשעת דער באַנק אסיפה. אַ ר ע כ נ ו נ ג פֿון באַנק וועט דאָס דירעק־
טאָריום געבען. מיר ווייסען, אַז די באַנק ווערט געפֿיהרט אין בעס־
טער אָרדנונג, דאָס געלד ליגט אין זיכערע הענד. דערצו האָבען מיר
געשטרעבט, דאָס איז אונזער אויפֿגאַבע, דאָס האָבען מיר געטהון.
מיר האָבען געשאַפֿען די מ ע ג ל י כ ק י י ט צו אונזערע ווייטערדיגער
אַרבייט, דעם כח זאָל דאָס פֿאָלק געבען...

דערמיט איז די 2־טע אסיפה געשלאָסען געוואָרען 8 אזייגער
אין אָווענד.

ש. ר אָ ז ע נ פֿ ע ל ד.

---

## די סטודענטען אסיפה.

II.

באַזעל, מאָנטאַג 24־סטען דעצעמבער.

שוין דער זעקסטער טאָג, זייט די קאָנפֿערענץ פֿון דער ציוניס־
טישער יוגענד האָט זיך אָנגעהויבען, און מיר זענען נאָך ביז איצט ניט
געקומען צום סוף, צום סוף וועלען מיר אָבער איבערהויפּט ניט קומען.
די סיבה איז אַ פשוט׳ע: ווייל ס׳איז געבליבען וועניג צייט, האָט מען
געמוזט אַרויסוואַרפֿען אַ פּאָר רעפֿעראַטען, וועלכע מען האָט אַריינ־

געשטעלט אין פראגראם פון דער אסיפה. שוין היינט, נאך אין אפאר שעה ארום, הויבען זיך אן די אספות פון די רוסישע דעלעגאטען צום גרויסען קאנגרעס — און די גרעסערע צאהל פון די דעלעגאטען אויף דער קאנפערענץ פון דער יוגענד, זענען שוין אין איינוועגס די דעלעגאטען פון גרויסען קאנגרעס.

איך מיין אבער, אז די אספה האט זעהר ווייניג אנגעווארען דורך דעם, וואס זי האט אפאר רעפעראטען ארויסגעווארפען — די "עקאנאמישע" און איינעם איבער די "קולטור" — עס קען זיין, ווען זי וואלט נאך אפאר ארויסגעווארפען, וואלט זי נור געוואונען, צייט אודאי, וועלכע מען וואלט געקענט בענוטצען אויף פיעל וויכטיגערע זאכען. אלס ביישפיעל קען מען ברייננען די געלייענטע רעפעראטען: איינעם "איבער פאלעסטינא" פון ה' בעלקינד און איינעם "איבער קולטור" פון ה' קאבלער, פון וועלכע מען האט פיעל געהאפט און צום סוף האבען די רעפערענטען ניט נור קיין נייעס ניט געזאגט, נאר גלאט עפיס אזוי פוסטע מעשיות אדער פראזען גערעדט, וועלכע מען האט שוין טויזענדער מאל געהערט, און האבען די דעלעגאטען איינציגווייז פון זאל צויאגט...

דאס פראגראם איז ניט אויסגעפיהרט, די אסיפה האט דאך אבער איהר צוועק דערגרייכט. ניט אומזיסט זענען די דעלעגאטען פינף טעג געזעסען, אין ענגשאפט און אין רעש.

די אסיפה האט אויפגעטהון אין וויסענשאפטליכען זין און אין פראקטישען אויך.

איך האב שוין אין מיין ארטיקעל "איבער די סטודענטען־אסיפה" ("יוד נומ. 50) מיט איינינע ווערטער אנגעוויזען, וועלכע וויסענשאפטליכע שאלות אינטערעסירען יעצט די ציוניסטישע יוגענד. איך זאג: זיי אינטערעסירען זיך דערמיט, דערמיט האב איך אבער בשום אופן ניט אויסגעדריקט, ווי וויכטיג די שאלות זענען פאר יעדער יונגען ציוניסט, אדער ניט ציוניסט, וועלכער טראכט און קלערט נאך חאטש וויפיעל ס'איז איבער די אלע בעוועגונגען, וואס געפינען זיך אין דעם איצטיגען יודענטהום.

פיעל פערשידענע מיינונגען, געזונד אונד גוט בעגרינדעטע, האט מען דא אויסגעהערט איבער די אלע שאלות, מען קען ניט זאגען, אז מענשען, וועלכע זענען געקומען אהער פול ספקות, זענען פון דאנען אוועק מיט פעסטע איבערצייגונגען, און אלצדינג איז זיי איין פאר אלע מאל קלאר געווארען; דאס ניט, אבער זעהר פיעל פונקטען זענען דאך בעלויכטעט געווארען פון פערשידענע זייטען, און האבען אין פיעל הינזיכטען פערגרינגערט דער יוגענד זיך מיט די אלע שאלות בעקאנט צו מאכען, און מיט דער צייט זיך איין וועג אויסצוקלייבען — א וועג אין א געוויסער זייט, נאך א געוויסע ריכטונג.

א גלענצענדען פארטראג האט איבער די בעוועגונגען געהאלטען ה' אבערסאן פון גענף.

איך וואלט גערן דעם אינהאלט איבערגעגעבען. איך קען עס אבער ניט; איך קען עס ניט דעריבער, ווייל ארויסהאפענדיג איינינע שטעלען פון דער גרויסער רעדע, וועלען מיר בשום אופן ניט קענען בעקענען דעם לעזער מיט איהר אינהאלט. ער האט גערעדט "איבער דאס שייכות פון דעם ציוניזם צו אלע אנדערע בעוועגונגען אין יודענטהום". ס'פערשטעהט זיך, אז אחוץ דער אנגערופענער סבה זענען נאך דא אנדערע סבות, וועלכע ערלויבען ניט דעריבער אין א קליינער קארעס־פאנדענץ פיעל צו שרייבען. וואס פאר א גרויסען איינדרוק די רעדע האט געמאכט, איז צו זעהן ניט נור דערפון, אז אויסער די גרויסע אוואציעס און אפלאדיסמענטען, אחוץ דעם וואס די געגנער, וועלכע זענען דערביי געווען, האבען שטיל, ווי מען זאגט, דעם נאז אראב־געלאזט, נאר אויך דערפון, וואס די אסיפה האט איינשטימיג בעשטימט: אבערסאן'ס רעדע אויף זשארגאן אין 25 טויזענד עקזעמפלארען אבצו־דרוקען און גאנץ וואלוועל אדער גאר אומזיסט אין פאלק צו פערטהיי־לען, ווי אויך 10 טויזענד עקזעמפליארען אין רוסיש, און אין אזא צאהל עקזעמפליארען אין העברעאישען און פוילישען — די לעזער וועלען אלזא אין גיכען האבען די מעגליכקייט מיט דעם אינהאלט פון דער רעדע פול און גאנץ זיך צו בעקענען.

אויסער דעם זענען געקלערט און ערקלערט געווארען איינינע פראגען, וועלכע געהערען צו דער קאלאניזאציאן אין פאלעסטינא. ווי אזוי און אויף וועלכען אופן מען זאל גרינדען די קאלאניעס, אויף גרונד פון פריוואט־אייגענטהום אויף לאנד, אז יעדער איינציגער קאלאניסט זאל זיין דער בעל הבית אויף דעם שטיק ערד, וואס ליגט אין זיין רשות, אדער דער בעל הבית פון דער גאנצער ערד זאל זיין די באנק, דאס הייסט, דאס יודישע פאלק, ווייל דער קאנגרעס דארף זיין דער בעל הבית פון דער באנק. ס'פערשטעהט זיך, אז פארלייפיג איז קיין זאך ניט בעשטימט אין דער דאזיגער פראגע, אבער זייערע ניכ־טערנע און קלארע געדאנקען זענען דעריבער ארויסגעזאגט געווארען, און הויפטזעכליך האט געגעבען א רייכען מאטעריאל צו דער פראגע ה' בוכמיל אין זיין רעפעראט, וועלכער וועט אויך געדרוקט ווערען אויף רוסיש אין 10 טויזענד עקזעמפליארען און פון וועלכען מענשען, וואס זענען פעראינטערעסירט אין דער פראגע, האבען אין געוויסע הינזיכטען בעקומען א קלארען קוק אדער זיי וועלען האבען איבער וואס נאכצוטראכטען...

ווייטער איז אויך וויכטיג געוועזען די רעדע פון ה' בערגער פון מינסק, וועלכער האט פארגעשלאגען — אלס דעלעגאט פון ציוניסטישע ארבייטער אין מינסק —, ווי אזוי דארפען און קענען די ארבייטער, וואס זענען ציוניסטען, זיך ארגאניזירען און פערבינדען, און דאך זיך ניט שטעלען אויף דעם שטאנדפונקט פון פאליטישען קאמפף. איבער דעם פארשלאג פון ה' בערגער וועלען מיר נאך האבען די געלעגענהייט צו רעדען אין אונזער בעריכט פון גרויסען קאנגרעס, וואו ער וועט זיין רעפעראט לייענען. —

פ ר א ק ט י ש האט די אסיפה פון דער ציוניסטישער יוגענד אויפגעטהון דערמיט, וואס זי האט זיך דאך ארגאניזירט אלס פארטיי פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן בכלל.

מיט 40 שטימען געגען ~~2 איז אנגענומען~~ געווארען דער אלגע־מיינער יסוד, "אז כדי די ציוניסטישע ארבייט זאל ברייננען גרעסערע נוטצען איז נייטהיג, אז די ציוניסטען זאלען זיך גרופירען אין פאר־טייען, ד. ה. די מענשען, וועלכע האבען איינע און דיזעלבע מיינונגען אויף דעם ציוניזם, זאלען זיך פעראייניגען, און יד אחת זיך בעמיהען זייערע מיינונגען און געדאנקען אין פאלק צו פערברייטען און אויף די קאנגרעסען דורכצופיהרען און אויף אזא אופן ניט האבען אויף דעם איינענעם געוויסען די אחריות, וואס דער אדער יענער ציוניסט טהוט. אלע ציוניסטען אין איינעם אבער מוזען אנווענדען אלע זייערע כחות צו שאפען די גרויסע אינסטרומענטען — ווי די באנק, למשל — וואס דער ציוניזם האט נייטהיג, כדי זיין ציעל צו דערלאנגען".

באלד נאכדעם איז אנגענומען געוואָרען, אז: די אסיפה פון דער יוגענד רעכענט, אז ס'איז נייטהיג זיך צו ארגאניזירען, שוין טאקי באלד, אין א דעמאקראטישער פארטיי, וואס זאל זיין א טהייל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאָן; די פארטיי וועט זיין געגרינדעט אין דעם גייסט פון די יסודות, וועלכע די פראגראם־קאמיסיע (פון 9 מענשען) האט אויסגעארבעט. ווייל דאס פראגראם איז אין דעטאיל נאך ניט פארטיג, רעכען איך דערווייל פאר איבריג עס דא צו פערעפענטליכען; דאס וועל איך טהון שפעטער. צו דער פארטיי זענען צוגעשטאנען שוין אין אנהויב 37 מענשען.—

איך זאג, אז דאס ארגאניזירען פון דער פארטיי איז א פראקטישער פארטשריט, און מיין אז יעדער איינציגער, ווער עס זעהט ווי שלעפעריג אונזער ציוניסטישע ארבייט פיהרט זיך, וועט עס מוזען מודה זיין.—

ניט צו מלחמה נאר צו שלום, ניט צום רעדען נאר צום טהון האט זיך די פארטיי אָרגאניזירט; אבער נור צו טהון און ארבייטען נאך א געוויסען פלאן.

דערצו איז זעהר וויכטיג, אז די אלע, וועלכע האבען איינע מיינונגען איבער פערשידענע פראגען און וועלכע זוכען דיזעלבע נאציאָנאלע ציעלען, זאלען ארבייטען אין איינעם, און ניט צוזוייט און איינצעלווייז, זיי זאלען אויך אין קאנגרעס זיצען צוזאמען און אין איינעם זעהן דורכצופיהרען די מיטלען, וועלכע זיי האלטען פאר רעכט און גוט.

דער יסוד אבער פון דער יונגער ארגאניזאציע, אדער פארטיי, איז דאס באזלער פראגראם. דער ציוניזם מוז אלזאָ ווערען א פאלקס־בעוועגונג. די וואס ווילען אבער ארייינפיהרען אין ציוניזם די ארבייטער־פראגע, אדער, די וואס ווילען מאכען פון ציוניזם א קלאסען־בעוועגונג, האבען מיט דער יונגער פארטיי כלל וכלל ניט צו טהון.

וויפיעל לעבען די יונגע אָרגאניזאציע האט שוין אריינגעטראגען אין די ערשטע אסיפות פון די רוסישע דעלעגאטען, האָבען אלע קלאר ארויסגעזעהען; אויספיהרליך דעריבער וועל איך שרייבען אין בעריכט איבער דעם גרויסען קאָנגרעס.

"איך בין געפאהרען אויף דער קאָנפערענץ פון דער יונגענד — האט געזאגט בערנשטיין כהן — כדי מענשען פאר אונזער פאָלקסארבייט צו זוכען; איך מוז זאגען, אז איך האב געטראָפען דאס רעכטע אָרט"... אלע האבען איהם מודה געווען און געמוזט מודה זיין. פריש אויפגעלעבטע און ניי צוגענומענע כחות צום ציוניזם האבען זיך דא ארויסגעוויזען מיר ווילען און קענען האפען, אז מיר וועלען אין גיכען זעהן די פרוכט פון זייער ארבייט אין יודישען פאלק.

---

מיר האבען אלע געמיינט, אז איבער דער "יודישער פרעסע" וועט ניט געלייענט ווערען דער רעפעראט, צום סוף אָבער שפעט אין אבענד האָט ד"ר א. עליאשעוו זיין רעפעראט איבער דער פרעסע דאך געלייענט.

אין קורצען וויל איך דאָך דעם אינהאלט פון זיין רעדע איבערגעבען. די יודישע פרעסע אין רוסלאנד ווערט געשריבען אין דריי שפראכען, און דאס איז איהר אומגליק. יעדער שפראכע האט אין זינען אנ'אנדערן מין לעזער— און ווי די שפראכען, אזוי זענען מעהרסטענס די לעזער אויך אָבגעשיידט איינער פונ'ם אנדערן. דערפאר איז די ווירקונג פון דער פרעסע אויף וויכטיגע לעבענספראגען א שוואכע. שוואך ווייל זי שטיטצט זיך ניט אויף די מיינונגען פון גאנצען פאלק. די יודישע פרעסע האבען אין גרונד 2—3 מענשען אין מאנאפאל. די עפענטליכע מיינונג האט ביז ניט לאנג געקוקט גלייכגילטיג אויף דער פרעסע און ניט געפאדערט קיין זאך פון איהר, און די פאר בעלי בתים האבען געטהון ווי פאר זיי איז געווען בעסער. דערפאר איז שווער געווען אז די נייע שרייבער זאלען פאר זיך געפינען א געהעריגען פלאטץ אין דער פרעסע. דער ציוניזם ערשט האט אין א געוויסער הינזיכט בעשאפען כלומר'שט א עפענטליכע מיינונג וועלכע האט צו דער ליטעראטור געשטעלט געוויסע פאדערונגען; און די פרעסע איז דורך דעם געוואָרען אין געוויסע אופנים אבהענגיג פון ציוניזם. די עפענטליכע מיינונג פערלאנגט, אז די פרעסע זאל זיין א פאלקס־נאציאנאל־פרעסע, א מענשיש־יודישע און זי מוז עס ווערען, אפילו די רוסיש־יודישע פרעסע מוז, אויסערליך על כל פנים, אויך ווערען וואס מעהר יודישער. כדי אז די פרעסע זאל באמת ווערען א מאכט אין יודישען לעבען, מוזען די ציוניסטען האבען א ווירקונג אויף איהר און גאנץ בעוואוסט זיך שטרעבען דערצו, און אפט, ווי מעגליך, זיך אבגעבען א חשבון, ווי ווייט, אין וועלכער מאס די פרעסע האט זיך ענטוויקעלט אין דער ריכטונג.

ווייל ס'איז קיין צייט ניט געווען האט ה' עליאשעוו געמוזט ארויסרייסען שטיקער פון זיין גרויסען רעפעראט און לייענען. אונמעגליך האט ער אין א האלבער שעה געקענט קלאר און דייטליך ארויסזאגען זיין מיינונג איבער דער יודישער פרעסע, דערפאר זענען ארויסגעקומען איינגע זייטען פון דער יודישער ליטעראטור צו דונקעל. דאס האט געבראכט דערצו, אז איינגע העברעאישע שריפטשטעלער זענען מיט דעם רעדנער ניט צופרידען געווען, וואס ה' בריינין האט נאכדעם אויסגעדריקט.

---

האלב זיבען אין אבענד איז דער קאָנגרעס פון דער יוגענד געשלאָסען געוואָרען. דאס לעצטע וואָרט האבען געזאגט: ה' ל. יפו און ה. ווייצמאן, וועלכע האבען גערופען די יונגע ארגאניזאציע צו דער פאלקס־ארבייט, צום לעבען און טהון פיר דאס יודישע פאלק.

פון דעם האָטעל "צום שטארכען" וואו די קאָנפערענץ איז געווען, זענען אלע אוועקגעגאנגען צו דער פערזאמלונג פון די רוסישע דעלעגאטען —אין קאזינא.

ש. ראזענפעלד.

---

## די אסיפות פון די רוסישע דעלעגאטען אין באזעל.

### I.

מאנטאג, דעם 23־טען, זיבען א זייגער פון אווענד זענען זיך די רוסיישע דעלענאטען צונויפגעקומען צו זייער ערשטער אסיפה. מען האט אויסגעקליבען א ביורא, אלס פרעזידענטען: ה' אידעלסאהן פון מאסקוי און ה' ראבינאוויטש פון ראָסטאוו. דער שרעק, מיט וועלכען מעהרערע פון אונזערע קליינשטעדטילדיגע דעלעגאטען קוקען אויף סטודענטען און אויף יונגע לייט ציוניסטען בכלל, האט זיך געטראָגען אין דער לופט פון דער ערשטער אסיפה. אז ה' סלוסטש איז אויפגעשטאנען און געזאגט: „איך זעה זיך מחויב צו דאנאָסירען דער פערזאמלונג, אז ס'האט זיך געבילדעט א נייע פארטיי" — האט ה' אוסישקין אויסגערופען: אויב אזוי ווילען מיר אויך האָבען פריהער א געשלאָסענע אסיפה. דאס איז געווען דער ערשטער סיגנאל צום

אויפּטרעטען נענען דער יונגער פּאַרטיי (אין וועלכער ס׳גע־פינען זיך גרויע מענשען, אַלטע ציוניסטען, ווי ה׳ ברנשטיין־כהן׳ אידעלסאָהן און אנדערע) און דערמיט אַליין שוין זי אנערקענען ווי איין עקזיסטירענדע.

די ערשטע אסיפה איז דערביי, נאָך אַ פּאָר שעה רעש גע־שלאָסען געוואָרען.

די צווייטע אסיפה האָט זיך געעפענט דיענסטאג צעהן אַ זייגער אין דער פריה. דאָס ערשטע וואָרט האָט געהאַט ה׳ בערנשטיין־כהן, צו לייענען זיין דין־וחשבון איבער דעם צושטאַנד פון ציוניזם פון פיערטען ביז צום 5־טען קאָנגרעס.

קודם־כל בעקלאָגט ער זיך דערויף, וואָס די ראַיאָנען צווישען זיך זענען ניט פעראייניגט געווען ווי געהעריג. און דעריבער איז אויך צווישען פאסט־צענטר און די אגודות קיין פעראייניגונג ניט געווען. פון 835 פעראיינען האָבען קוים 190 געענטפערט אויף די שאלות, וואָס דער פּאָסט־צענטער האָט זיי פאָרגעלייגט: און פון די 190 תשובות זענען קוים 117 געווען אַזעלכע, מיט וועלכע מען האט זיך געקענט בענוטצען ווי געהעריג. — זיי מעהרסטען ענטפערן ווי שטאַרק פערנומענע געשעפטסמענשען אויף „אַטקריטקעס", אַרונטערגעמאַכט אונטער׳ן האַנד, און פּטור. אויף די אטקריטקעס האָבען זיי קוים צייט געהאַט אַרויפצושרייבען, וויפיעל שקלים־געבער ס׳זענען דאָ, פאַר תשובות אויף אַלע איבריגע שאלות איז שוין קיין פלאַטץ ניט גע־ווען. — ס׳פערשטעהט זיך, אַז פון אַזאַ מאַטעריאַל איז אונמעגליך אַרויסצובעקומען געהעריגעס מאַטעריאַל, כדי צו האָבען דערפון אַ ריכטיגעס בילד פון דעם ציוניזם אין רוסלאַנד. ניט ווילענדיג מוזען מיר רעכנען, אַז דארט, פון וואַנען דער צענטר האָט קיין ידיעות ניט בעקומען, שטעהט דער ציוניזם ניט בעסער ווי דאָרט, פון וואַנען ער האָט יא בעקומען. פון אַלצדינג איז אַרויסצוזעהען, אַז דאָס פאָלק, די גרויסע מאַסען, זענען ווייט פון וועלכער ס׳איז אַרבייט אין ציוניזם. פאַר אַ יאָהרען זענען געווען 643 אגודות אין 633 ערטער, דאָס יאָהר זענען דאָ 965 אגודות אין 825 ערטער. שקלים־געבער — פון וועלכע מען ווייס — איז דאָ 19,000, מען קען אָבער משער זיין, אַז ס׳איז דאָ פיעל מעהר, ביז אַנ׳ערך פון 113,000. גלייך נאָך דעם קאָננרעס הויבען זיך אן די אגודות פערמעהרען, וואַקסען שטאַרק און נאָכדעם ווערען זיי ווייטער, ביסליכווייז, איינגעשלאָפען. פאַר אַ נייעם קאָנגרעס חאַפּען זיי זיך ווייטער אויף און הויבען אויף די קעפּ. זיי פיהרען אַלזאַ איין זעהר שוואכעס לעבען... צי פערשפרייט זיך דער ציוניזם אין דער ברייט אָדער אין דער טיף, קען מען ניט קלאָר ווי־סען. פרויען־פעראיינען האָבען זיך דאָס לעצטע יאָהר געמעהרט, הויפּטזעכליך אין סאַפּאַטקינער ראַיאָן; אין דעם דאַזיגען ראיאן זע־נען דאָ 42 ציוניסטישע פרויען־פעראיינען. וואו דער פּראָצענט פון יודישע איינוואַהנער איז אַ קלענערער. דאָרט זענען — נאָכ׳ן ערך נאָך פאַרהאַן מעהר ציוניסטען ווי אין די ערטער, וואו יודען וואָהנען אין גרויסע מאַסען.

אויף די פאַרווירפע וואָס מען האָט בערנשטיין־כהן געמאַכט דערפאַר, וואס ער האט קריטיקירט דעם 4־טען קאָנגרעס ניט נאָך דעם פיערטען, נאר ערשט פאַר דעם 5־טען קאָנגרעס, ענטפערט ער, אז ער האט עס בכונה געטהון, כדי דער עולם זאָל פריש געדיינקען, וואָס מען דאַרף פאַר דעם נייעם קאָנגרעס מעהר ניט טהוען. דאָס ענטוויקלען פון דעם ציוניסטישען רעיון איז וויכטיג פאַר דעם ציוניזם. — אהן אַרבייטער אין פאָלק איז באמת דער פּאָסט־צענטר אַ׳נ׳איבריגער. ער שטעלט העכער די ציוניסטישע אגודות אין די קליינע שטעדטליך, וואו יודישע משכילים און משכילים׳ליך זענען די טהוערס, איידער די אגודות אין די גרויסע שטעדט, וואו די כלומר׳שט אינטעליגענטען זענען דאָ פיהרער. דאָ בעמיהט מען זיך צוצוציהען צום ציוניזם דורך וויטציגע־הומאָריסטישע־רעפעראטען, טענץ און מאַסקאַראַדען. און אין די אַנטראַקטען קלויבט מען שקלים. עס איז נאָך צו בעמערקען, אַז אויף גייסטיגער נויט — ווי די שולע אין יפו אדער די ביבליאָ־טהעק אין ירושלים — ענטפערן ציוניסטען ניט קיין ערך וועניגער ווי אויף מאַטעריעלער נויט, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט בשעת דעם הונגער. — כדי די אינטעליגענץ זאָל באמת פּרוכטבאַר זיין פאַר׳ן ציוניזם, מוזען זי זיך מיט דעם פאָלק צונויפשמעלצען. די צונויפשמעלצונג אָבער זאל קענען זיין, מוז זיך די אינטעליגענץ אליין דערצו פריהער טיכטיג צוגרייטען.

19 טויזענד עקזעמפליארען פון ציוניסטישער ליטעראַטור איז פערקויפט געוואָרען דאס קאנגרעס יאהר, ליידער מוז מען אָבער מודה זיין, אַז דאס רוב פון זיי זענען זעהר נאַרישע ביכליך.

דער ציוניזם האָט בעקומען אַ בורשואזנע-אַרטאָדאָקסאַלען כאַ־ראַקטער, וועלכע זעהען זייער גרויסעס פערדיענסט ניט אין טהון נאר אין ניט טהון, שטעהען אויף איין אָרט. פאַר דאָס פאלק, פאַר די יוגענד האבען זיי מורא. — זיי האַלטען די הענד פול האָפנונג, אויפגעהויבען צו באַראָנען, פון זיי ערווארטען זיי די ישועה — דאס איז אבער אַ טעות! אלס יסוד פאַר דעם ציוניזם דאַרפען מיר האבען דאס יודישע פאלק, דאס פאלק אבער וועלען מיר נור דעמאלט האבען, ווען מיר וועלען זיך בעמיהען, נאך מעגליכקייט, איהם צו העלפען אין זיין מאטעריעלער און גייסטיגער נויט. אבער די גאנצע ארבייט וועט נור דאַן זיין פרוכטבאַר פאַר אונז, ווען זי וועט אַרויס-קומען פון ציוניזם און זיך אין ציוניזם צוריק אומקעהרען.

דער רעפעראט פון בערנשטיין-כהן האט דאס פובליקום געבראַכט צו גרויסער אויפרעגונג. שוין פריהער האָבען זיך געלאזט הערען שטימען אין דער ליטעראַטור און אין ציוניסטישען לעבען, אז דער פּאָסט־צענטער ווי ער איז האט ניט קיין רעכט צו עקזיסטירען; ער ברייננט מעהר ניט די נוטצען, וועלכע ער האָט געדאַרפט און געקענט בריינ־גען, ווען ער וואָלט אַנדערש איבערגעמאכט געוואָרען. בערנשטיין־כהן אַליין האט אויך געפונען פאר אונמעגליך, אז דער צענטר זאָל ווייטער עקזיסטירען אויף אַזאַ אופן ווי ער האט ביז איצט עקזיסטירט, און האָט זיך אין גאנצען אבגעזאגט פון צו פיהרען ווייטער דעם פאסט־צענטר.

ווייל די דעבאטען איבער בערנשטיין-כהנ׳ס בעריכט זענען, גאַנץ נאַטירליך, פערקניפט מיט דער קריטיק איבער דער איצטיגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאנד, דערפאַר האט די אסיפה בעשטימט, אז איידער מען וועט רעדען איבער דעם בעריכט, זאל מען זיך בעקענען אין דעם פלאן פון דער נייער ארגאניזאציע, וועלכען ה׳ אוסישקין האט אויסגעארבעט. — דער פלאַן פון ה׳ אוסישקין איז געווען געדרוקט. מען האט יעדען דעלעגאט געגעבען אַנ׳עקזעמ־פליאַר, כדי ער זאל זיך בעקענען מיט דעם פלאן, און אין דער נאכמיטאג׳ס-אסיפה זאל מען רעדען ווי איבער דער אלטער אזוי אויך איבער דער נייער ארגאניזאציע.

אין קורצען רעכען איך פֿאר נייטהיג דעם פלאן אוסישקינ'ס דא איבערצוגעבען.

אין גרויסען אקציאנס-קאמיטעט, אלס מיטגליעדער, דאַרפֿען אויסגעקליבען ווערען אַזעלכע מענשען, וואָס זענען בעוואוסט אַלס וויכטיגע מענשען אין פֿאָלק און בעריהמט דורך זייער אַרבייט פֿאַר'ן פֿאָלק. די צאָהל פֿון די מיטגליעדער דאַרף זיין ניט 36, ווי ס'איז איצטער, נאר 23, ווי ס'איז געווען אין ערשטען און 2-טען קאָנגרעס יאָהר. ס'איז כלל וכלל ניט קיין מוז, אַז יעדעס לאַנד זאָל האָבען אַ געוויסע צאָהל מיטגליעדער אין אַקציאָנס-קאָמיטעט. אין דעם וואָס איז שייך צום ציוניזם בכלל, איז ניטאָ קיין געאָגראַפֿישע גרענצען און יעדערער, ווער עס טויג נור דערצו, דאַרף און קען שטעהן אַן דער שפיטצע פֿון ציוניזם, ער מעג זיין פֿון וואָסער אַ לאַנד ער איז. די פֿיהרער פֿון ציוניזם אין יעדען לאַנד בילדען פֿאַר זיך אַ „לאַנדעס-קאָמיטעט“. די מיטגליעדער פֿון יעדען לאַנדעס-קאָמיטעט צוטהיילען די ציוניסטישע אַרבייט צווישען זיך, יעדערער זאָל זיך בעשעפֿטיגען דערמיט, צו וואָס ער איז מעהר מומחה. דער לאַנדעס-קאָמיטעט, בעשטימט ציוניסטישע מנהיגים אין יעדער גובערנסקי-שטאָדט, די גובערנסקי מורשים בעשטימען שוין פֿון זיך אויס ווייטער מורשים אין די אויעזדנע שטעדט, און די מורשים פֿון די אויעזדנע-שטעדט בעשטימען ווייטער פֿון זיך גובים אין אַלע שטעדטליך, ווי דער אָדעסער קאָמיטעט בעשטימט זיינע מורשים, אָבער נור די שטעדטינע טהוער דיענען אַלס יסוד, אַלס קרן פֿאַר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אגודות קענען איצטער אויך געגרינדעט ווערען אומעטום, אָבער נור צום צוועק פֿון פראפאגאנדא און אַגיטאַציע, זיי געהערען זיך אָבער ניט אָן מיט דער אָרגאַניזאַציע.

אַ קאָנגרעס דאַרף זיין איינמאָל אין 3 יאָהר. די שקל-געבער קלויבען דעלעגאטען אויפ'ן קאָנגרעס, אָבער ניט נור אין אַ גלייך וואָרט, נאר טאַקע ערנסט און מיט בעוואוסטזיין דאַרף מען די דעלעגאטען קלויבען, ניט ווי עס פֿיהרט זיך, ליידער, ביז איצט. די קאָנגרעס-מיטגליעדער דאַרפֿען אויסקלויבען אַ קאנטראיל-קאָמיסיע — דורכצוזעהן אַלע מאנדאטען, אויב זיי זענען ריכטיגע — שוין איצטער פֿאַר דעם קומענדינען קאנגרעס. די אויסגעקליבענע זאָלען קומען צום קאנגרעס מיט עטליכע טעג פֿריהער און נאך פֿאַר דעם קאנגרעס וויסען, וועלכע מאנדאטען זענען אמת'ע און וועלכע פֿאַלשע, ניט ווי ס'טהוט זיך איצטער, אַז דאס דורכזעהן פֿון די מאנדאטען ענדיגט זיך קוים ערשט גלייך מיט דעם, ווען ס'ענדיגט זיך דער קאנגרעס, נאָכדעם ווען סיי אמת'ע סיי פֿאַלשע דעלעגאטען האבען זיך שוין בעטהייליגט אין קאָנגרעס.

אין אַלגעמיינעם איז אויך בערנשטיין-כהן מסכים צו אוסישקינ'ס פלאן, ער מיינט אַבער, אַז די אגודות, וואו זיי זענען, דאַרפֿען דינען אַלס קרן פֿון דער ארגאניזאציע, ניט נור די איינצעלנע טהוערס. מיט אלער קראַפֿט פראָטעסטירט ער געגען דעם אופן, ווי ה' אוסישקין וויל בעשטימען, פֿון אויבען אראָב אַלע טהוער; דאָס ריכטיגע דאַרף זיין דאָס אומגעקעהרטע: די שקל-געבער קלויבען זייערע גובים א. ז. וו. פֿון אונטען אַרויף. — דאָס איז אויך דער אמת יודישער יסוד.

פֿינף אַ זייגער פֿאַר נאַכט איז צונויפֿגעקומען די דעלעגירטען אסיפה; ד"ר ברוק האָט גענומען דאָס וואָרט. ער דערצעהלט קורץ די געשיכטע, ווי דער פאסט-צענטר האט זיך ענטוויקעלט פֿון אָנהויב אָן ביז איצט. פֿון אָנהויב אָן איז עס נור געווען אַ סעקרעטאַריאַט, ניט קיין גייסטיגער צענטר. פֿאַר ב"כ זענען די ראהמען צו ענג געווען און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין חקירות; אפשר ווייל ער האָט קיין אַנדער מאַטעריאַל ניט געהאט; פֿאַר גייסטיגע שפייז אָבער האבען זיינע בריעף ניט געטויגט. ער האט דורך זיינע בריעף מרחיק געווען פֿון ציוניזם די, וועלכע זענען איהם ניט געפֿעלען. דער ציוניזם איז אַ בעוועגונג פֿון גאַנצען פֿאָלק. מיר דאַרפֿען זיך פֿעראייניגען, און ב"כ האט אונז צוריסען. ער האט עס געטהון ניט ווילענדיג, אָבער ער האט עס געטהון. קריטיק איז נייטהיג, אָבער נור ב"כ האָט געהאט די מעגליכקייט אלעס צו קריטיקירען, אלע אנדערע מורשים אבער ניט.

ב"כ מוז בלייבען ביי זיין ארבייט; ער וואלט אונז אבער גרעסערע נוטצען געבראכט, ווען ער וואלט ביי אנדערע תנאים געקענט ארבייטען. ניט איינער דאַרף שטעהן אַן דער שפיטצע, נאר אַ קאָמיסיע פֿון דריי מענשען זאל פֿיהרען דעם פאָסט-צענטר.

ה' פאפערן און ד"ר יעקבסאן בעקלאָגען זיך דערויף, וואָס ב"כ האָט זיך ערלויבט צו בויען זיין בעריכט אין דער לופֿט. ער זאָגט אַליין, אַז נור אַ קליינער צאהל אגודות האט איהם געשיקט מאַטעריאַל, אויף די איבריגע איז ער נור משער, מיט „השערות“ אליין אבער קען מען ניט קומען פֿאַר'ן קאָנגרעס, און ווער רעדט נאָך צו בויען אויף זיי און שילדערן אַזא דונקעלע בילד פונ'ם רוסישען ציוניזם, ווי ב"כ האט געשילדערט. אָבער די אגודות זענען אויך ניט שולדיג, פֿאַר וואס זיי האָבען ניט געענטפֿערט. זיי קענען ניט ענטפֿערן אויף סטאַטיסטישע שאלות — זיי זענען ניט צוגעגרייט דערצו. ב"כ רעדט פון דער בורזשואזיע. וואס הייסט, מען איז מרחיק די יוגענד? אויב די יוגענד איז ציוניסטיש, זאל זי קומען און פֿערנעהמען דעם פלאַץ. דער פלאַץ געהערט אָבער אין אמת'ן דעם גאַנצען פֿאָלק. ד"ר יעקבסאן זאָגט נאך אַ וואָרט איבער דעם פלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע: אז מען דאַרף עקאָנאמישע אַרבייט אויך אַריינגעהמען אין ציוניזם.

ה' דיזענהאָף בעמערקט, אז דער בעריכט איז ניט געמאכט ווי געהעריג, ווייל ב"כ האט דאָ אויסנעמישט רעכנונגען מיט פּאָלעמיק אין איינעם; די פאָלעמיק האט ב"כ געקענט אַרויסזאָגען וואו ער וויל און ווען ער וויל, אָבער ניט אין רעכנונג. עקאָנאמישע אַרבייט — מיינט ער — איז ניט חל אויף ציוניסטען אַלס ציוניסטען. אַרטיעלען גרינדען איז זעהר שווער. אַחוץ דעם, וואס מען קען אַזעלכע ניט מאַכען פֿאַר יודען בעזונדער, ווייל מען טיילט איין די אַרטיעלען נאָך די צעכען, ניט נאך נאַציאָנען, ווייסען מיר נאָך איבערהויפּט ניט, צי דורך אַרטיעלען וועלען מיר באמת קענען פֿערגרינגערען די יודישע נויט.

ד"ר ווייצמאן זעהט אין דער בעשולדיגונג געגען ב"כ נור ווערטער אָהן פֿאַקטען. מען זאָגט, ער האט צושטערט די אחדות, אונטערגעראָבען דעם ציוניזם, דאס מוז אבער בעוויזען ווערען. דער רוסישער ציוניסט ענטלויפֿט פֿאַר דער יוגענד, דאס איז אַ ריינער אמת. 1) אַגרויסער טייל פון דער אינטעליגענטער יוגענד ווערט ערשט אין אויסלאַנד ציוניסטיש, 2) רוסישע ציוניסטען זענען געווען געגען דער אסיפה פון דער ציוניסטישער יוגענד. איינהייט — דאס איז אָבער נור אַ פֿראַזע! אין ציוניזם ווי אין לעבען דאַרפֿען און מוזען זיך אָבשפיגלען אַלערליי מיינונגען. פֿאַר עקאנאמישע אַרבייט

דארף מען קיין מורא ניט האבען, טאמיר וועט זי צונעמען די מענשען, וועלכע ארבייטען איצט פאר'ן ציוניזם. אומגעקעהרט: וואס מעהר ארבייט, מעהר מענשען וועלען זיך געפינען צום ארבייטען.

ד"ר ווילענסקי מיינט, אז מען קען ניט בעשולדיגען ב"כ פאר זיין קריטיק, ווייל מיר האבען זי איהם אליין ערלויבט. דער פאסט־צענטער דארף זיין פון 3 מענשען — דערצו איז מסכים ה' משה'נזאן אויך. — ער בעהויפטעט, אז דער גרעסטער טהייל שקל־געבער זענען קיין ציוניסטען ניט. —

שיינקין ריהמט די ענערגיע פון ב"כ. אויב די אנדערע מורשים ווערען דורך איהם אבנערוקט אין א זייט, איז דאס נור א סימן אז זיי זענען צו שוואך. אין ציוניזם, מיינט ער, הערשט באמת א מאוסע בעל־הבית'ש־רבנישע ריכטונג. אזוי איז עס אין חבת-ציון, אין, ציוניזם און אין באנק. פיעל יונגע טאלאנטפאלע מענשען, וועלכע זענען פעהיג און גרייט א סך צו טהון פאר'ן פאלק, מוזען שטעהן פון דער ווייטענס. צו אינוועניגסטער ארבייט ווערען צוגעלאזט נור מענשען מיט פראטעקציעס. די רבנים זענען בכלל נעגען ציוניזם, חאטש מען חנפ'עט זיי און מען מאכט פשרות מיט זיי. אזוי צום ביישפיעל האט דער פינאנץ־צענטער אין קיעוו פאר א יאהרען אסיגנירט 400 רובל פאר רבנישע דעלעגאטען, כדי זיי זאלען קענען פאהרען צום קאנגרעס.

דערמיט איז די אבענדזיטצונג געשלאסען געווארען. מיטוואך פריה האט מען ווייטער געפיהרט די איינגנע וויכוחים.

מאצקין: צוויי פארטייען אין יודענטהום זענען אונצופריעדען מיט דעם איצטיגען ציוניזם: א) די יונגענד ב) די ארבייטער. צו פראפאגאנדא און אגיטאציע דארפען מיר הויפטזעכליך די ערשטע, צו קאלאניזאציע דארפען מיר די אנדערע. איך בין אליין אמאל געווען געגען פארטייען, פאר איינהייט, איך זעה אבער איצט, אז דאס איז אונמעגליך. באנק, שקלים אין נאציאנאל-פאנד איז אונזער אלגעמיינע ארבייט; דערין ארבייטען מיר אלע גלייך. מיר קענען אבער ניט נעהמען אויף אונז די אחריות הערפאר, וואס פערשידענע מענשען רעדען און טהוען אין נאמען פון ציוניזם. אונזערע נעדאנקען וועלען מיר בעגרינדען און פערענטפערען; מיר וועלען זיין די שולע, וואו ס'וועלען ערצויגען ווערען ציוניסטישע אגיטאטארען.

ד"ר טשלענאוו רעדט אין א ווארעמער רעדע צום פובליקום און בעט, יעדער זאל זעהן פון זיין זייט אז ס'זאל זיין אהדות. ארבייטען זאלען אלע, און תמיד אין זינען האבען אונזער לעצטעס ציעל — צו בעקומען א היים אין ארץ־ישראל. ער איז נעגען אוסישקינ'ס פלאן, אז ס'זאל זיין נור 23 מיטגליעדער אין אקציאנס־קאמיטעט. ס'וואלט נוט געווען, אז יעדער מורשה אין זיין לאנר זאל האבען אנ'אנדער ארבייט, דאס וואלט נוט געווען, ווען אלע וואלטען געוואהנט אינאיינעם, אין איין ארט און געווען אין איין קאמיטעט. צווייטערהייט אבער האט עס קיין זין ניט, ווייל יעדע אגודה וועט דארפען איבער פערשידענע ענינים צו פערשידענע מורשים שרייבען — און דאס שרייבען, ווי מיר ווייסען, האבען אונזערע אגודות זעהר ניט ליעב, אפילו ווען זיי דארפען ווענען אלצדינג נור אין איין ארט שרייבען. איינמאל אין 3 יאהר זאל זיין א גרויסער קאנגרעס איז גוט, ס'איז אבער וויכטיג, אז ס'זאלען זיין 2־ערליי קאנגרעסען: א גרויסער און א קליינער. דער קליינער קאנגרעס זאל בעשטעהען אלע יאהר פון די מיטגליעדע־ פון אקציאנס־קאמיטעט און אקליינער צאהל אנדערע וויכטיגע ציוניסטישע טהוערס, כדי זיך שטיל און רוהיג צו בעראטהען איבער די פראגען, וואס וועלען יעדעס יאהר אויפקימען אין ציוניזם —

אוסישקין: ער חזר'ט איבער דיזענהאף'ס טענות און זאגט ווייטער: מען האט ב"כ ניט געענטפערט אויף זיינע בריעף, ווייל די אגודות האבען זיי פיינד געקראגען. דער ציוניזם אין רוסלאנד וואקסט פון חדש צו חדש. ניט קוקענדיג אויף דעם הונגער, שרפות און אנדערע יודישע צרות אין לעצטען יאהר איז דאך אין באנק אריינגעקומען דאס יאהר 800 טויזענד רובל פון אונזערע ארימע ציוניסטען. מיר געהען פאמעליך אבער תמיד פארויס. די איינהייט פון דעם גאנצען ציוניזם האט מען איבערגעגעבען אין בערנשטיין־כהנ'ס האנד, אזא מענש דארף אבער האבען א פעסטע דעה, וועלכע זאל זיך ניט בייטען פון טאג צו טאג; ביי בערנשטיין־כהן איז עס אבער, לייִדער, ניט אזוי. צום ביישפיעל: פאר א יאהרען פאר'ן קאנגרעס האט ב"כ אליין געשריבען און פערלאנגט פון די ציוניסטען, מען זאל שיקען וואס מעהר פיגורען אויפ'ן קאנגרעס, כדי די דעמאנסטראציע אין לאנדאן זאל גרעסער זיין, נאכ'ן קאנגרעס אבער האט ער געשריען מיט קולי־קולות סטייטש, פאר וואס האט מען געשיקט אזעלכע ניט פאסענדיגע דעלעגאטען? בשעת הערצל איז געווען אין קאנסטאנטינאפאל האט ער מיט שרעקליכע הייסע פראזען גערדרש'ט, אז אט אט קומט שוין די ישועה און אין אכט טאג ארום האט ער ווייטער טאקע מיט הייסע פראזען געשריבען, אז ס'איז נאך ניטא וואס צו ווארטען אויף ישועות אזוי גיך, און אליין מבטל געווען זיינע פריהערדיגע רייד. בשעת די דעלעגאציע איז געווען אין פאריז ביי יק"א האט זיך ארויסגעשטעלט, אז כדי האטש וויפיעל ס'איז צו ראטעווען אין פאלעסטינא, מוז מען האבען אמווענינסטען א מיליאן רובל, און וויסענדיג ווי שווער יעדע קאפיקע קומט אן ביי אונז, ווענדעט זיך דאך ב"כ צו די ציוניסטישע אגודות אז זיי זאלען אט דעם גרויסען פאנד שאפען... דאס איז מעהר ווי פשוט תמימות.

אלס מיטגליעדער פון גרויסען אקצ. קאמ. האט ב"כ ניט געטארט נעהמען קיין אנטהייל אין דער יונג ציוניסטישער קאנפערענץ אהן ערלויבעניש פון אקצ. קאמ. אדער חאטש פון ד"ר הערצל. די מיטגליעדער פון דער יונגער פארטיי, ווי אויך אנדערע, זוכען, וואס איז די סבה דערפון, וואס מען טהוט אזוי ווענינ אין ציוניזם? די סבה איז פשוט: די פראזע עסט אונז אויף! דער צענטער פון דער פראזע איז בערלין און גענף. דארט זענען די מאשינעס פון אלע גערעדעריי.

טהוען, ניט רעדען דארפען מיר.

די וויכוחים זענען שוין פריהער געווען בעגרענצט, נאכדעם איז די רשימה פון די רעדנער איבערהויפט שוין געשלאסען געווארען. ה' בערגער פון מינסק אבער מאכט א רעש, ער וויל אויך דאס ווארט און האט א טענה: „מען האט איהם בכונה געשיקט צום קאנגרעס, כדי ער זאל רעדען". איך ברייננ דעם פאל, כדי צו בעמערקען, אז ס'וואלט באמת קיין עולה ניט געווען, ווען די שקל־געבער זאלען אויסנעהמען, א תנאי מיט די דעלעגאטען און שטרייננ אנזאגען ניט צו רעדען; זיי וואלטען דערמיט מעהר נוטצען געבראכט דעם קאנגרעס...

בערנשטיין כהן: מען בעשולדיגט מיך אין דעם וואס איך האב מיינע מיינונגען אין די בריעף פון פאסט־ביורא ארויסגעזאגט. איך בין מיט מיינע מיינונגען און דורך זיי צום ציוניזם געקומען. איך האב מיינע אידעען נור ביסליכווייז נעקענט אין די בריעף ענטוויקלען, אין לאנגער צייט און פערשידענע בריעף. אויב מען זאל די

טהעארעטישע זייט פון מיינע בריעף בעזונדער בעטראכטען וועט מען אין זיי, דערין בין איך זיכער, קיין ווידערשפרוך ניט געפינען. די פֿערנעטערונג פון מענשען איז פֿאר אונזער בעוועגונג, ווי פאר מענשען איבערהויפט, געפֿעהרליך; איך האב די מעשים פון אונזערע גרויסע פערזאָנען קריטיקירט. אבער קיינמאָל ניט פֿערגעסען, אז זיי דינען פֿאר אונז, און מוזען פֿאַרלויפיג דינען ווי אַ מיטעל־פונקט, אַרום וועלכען דאס פֿאָלק זאל זיך צונויפקלויבען.

אין די עיקר געדאַנקען האב איך קיין פשרות ניט געמאכט, אין לעבען אבער האב איך עס געמוזט טהון, ווייל די ארבייט איז ביי מיר דאך טייערער פון אַלסדינג.

מען האט מיר געהייסען און איך האב געשריבען, מען זאל שיקען וואס מעהר מענשען אויפ׳ן קאָנגרעס, אבער איך האב זיך דאך געזעהען מחויב צו שרייבען, וואָסערע מענשען מיר האבען געהאט אויפ׳ן קאַנגרעס.

וועגען קאָנסטאַנטינאפאלער אַאווידיענץ האב איך יעדעסמאל געשריבען דאס אין וואס איך האב געגלויבט, און אין וואס איך בין געווען איבערצייגט.

ניט הערצלען, נאר דאס איבריגע אקצ. קאמ. האב איך בע־שולדיגט אין דעם, וואס מען טהוט גאר ניט, און דאס איז אַ ריינער אמת. ניט נעגען פאָליטישע ארבייט בכלל בין איך געווען, נאר גע־נען אונזער „פאָליטיקאנסטווא“, נעגען דעם בין איך איצט אויך; אונ־זער ארבייט איז א גאַנץ אַנדערע.

מיר האבען זיך אין פאריז איבערצייגט, ניט ווי ה׳ אוסישקין מיינט, אז די צרה איז וואס אונז פֿעהלט געלד, נאר אומגעקעהרט, מיר האבען זיך דארט איבערצייגט, אז די צרה איז, וואס די קאלאניעס אין פאַלעסטינא האבען אויף זיך אפטרופסות פון איינצעלנע מענשען. איך האב זיך דעמאלט געווענדעט צו אונזערע ציוניסטען, און זיי נאכאמאל איבערגעחזרט, אז מיר ווּעלען נור דעמאלט געהאָלפֿען ווערען, ווען מיר ווּעלען זיך אליין העלפֿען, אליין זיין אונזערע בעלי־בתים.

וועגען אנטהייל נעמען אין דער קאָנפֿערענץ האב איך קיין ער־לויבעניש ניט געדאַרפֿט; איך האב זי דאך פון דעסטוועגען אויך געהאַט..

בערלין און גענף, זאגט מען, זענען די רעדע־צענטרען; איך האב דערינען מיטגעהאלפֿען. מען מוז דעם ציוניזם וויסענשאַפֿטליך בעגרינדען אין די פֿראַגען בעקלערען, דורך דעם טראָגט מען אריין אין די אגודות לעבען; דורך דאס רעדען קומט מען צו ארבייט און דאס איז אונזער ציעל.

די קאנפֿערענץ פון דער יוגענד איז אַ גרויסער היסטאָרישער פֿאַקט פֿאר אונז. די יוגענד איז אַליין געקומען צו אונז; איך גלויב, אז זיי ווּעלען זיין אונזערע יורשים.

דער פֿיהרער פון פאָסט־ביורא האט ניט געדאַרפֿט זיין קיין מיטגליעד פון אַקצ. קאמ. איך האב עס אויך פֿערלאַנגט; איהר האט מיך גענויט, אז איך זאל זיין א מיטגליעד פון אַקציאנסקאמיטעט.

מען זאגט: „איך האב ניט געהאַט גענוג ציפֿער אין האַנד, כדי איך זאל האבען דאס רעכט אַ בילד פון ציוניזם צו שילדערן“,— וואו ס׳פֿעהלען אבער ציפֿער קומען אנדערע איבערציינונגען; אלע נערע־דעריי פון מיינע קריטיקער האבען מיינע איבערצייגונגען ניט אומגעביטען.

איך געה אַוועק פון פאסט־ביורא; זאל זי איבערנעהן אין אַנדערע הענד; איך וועל זיין צופֿריעדען, אויב איך וועל ניט האבען וואס צו קריטיקירען אין זייער אַרבייט.

---

אכט אַזייגער פון אָוועגד איז געווען אַ דריטע אַסיפה. ה׳ לאָזינסקע האט געלייענט די רעכנונג פון פֿינאַנץ־צענטר; איך גיב איבער די ציפֿער אין קורצען.

די הכנסה בכלל:

ביז צום ערשטען יולי 1900 איז געבליבען

| | | |
|---|---|---|
| אין קאַסע פון צענטר | 11 ,658 ,02 | רובל |
| אויפ׳ן רעכנונג פון 3־טען קאָנגרעס־יאָהר | | |
| איז געקומען פון 230 ערטער | 5,742, 42 | „ |
| פֿון 4־טען פֿון 446 „ | 21, 984, 74 | „ |
| אויף נסיעות פון די מורשים פון 210 „ | 1,677, 47 | „ |
| אוואנס אויף נסיעות פון מורשים | 545, — | „ |
| פֿערשיעדענע הכנסות | 209, 72 | „ |

הוצאה:

| | | |
|---|---|---|
| אַקציאָנס־קאמיטעט | 17, 180, — | רובל |
| „טאָג־בלאַט“ אויף דעם פֿיערטען קאנגרעס | 489, 28 | „ |
| פֿינאַנץ-צענטר | 2138, 76 | „ |
| אויפ׳ן פאסט־צענטר: | | |
| וואָהנונג | 100 — | „ |
| בעדינונג | 1369 — | „ |
| פאסט | 1512, 92 | „ |
| קאנצעליאַריע | 246, 84 | „ |
| פֿערשידענע הוצאות | 17, 10 | „ |
| פאַר בערנשטיין־כהן | 2,000 — | „ |
| אויף ליטעראַטור (פון פֿינאַנץ־צענטער, אויסער וואס יעדער מורשה גיבט אוים אין זיין ראַיאָן) | 390, 02 | |

די ראַיאָנען האבען בעקומען אויף הוצאות: בעסעראַביע— 433,42; האמעל – 288,12; מינסק — 395,91; קיעוו— 981,67; יעליסאוועטגראד – 736,41; יעקאטערינאס־לאוו — 711,40; לאדז — 430,54; ווארשא — 684,41; סאפאָצקין — 772,06; פעטערסבורג — 456,95; מאָסקווא — 742,30.

אויף נסיעות פון מורשים: 4921; הוצאות פון 3 טען קאָנ־גרעס־יאָהר 1070,32 פֿערשיעדענע הוצאות 327 רובל. זאלדא: 3811,25 רובל.

די ויכוחים איבער דער פֿינאַנץ־רעכנונג זענען געווען זעהר קורץ; ס׳איז ניט כדאי פון זיי צו רעדען.

דערמיט איז די אַוועגד־אַסיפה 12 אַזייגער געשלאָסען געוואָרען.

---

## יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְט אוּן שְׁטֶעדְטלִיךְ.

ניט יעדענ׳ס זיפֿץ איז גלייך. וויגד־מיהלען, יודישע מתים׳ליך. אַ נייער פראָיעקט. אַ הייליגער חוב.

יודישע עלטערן הערען ניט אויף זיך צו בעקלאָגען און זיפֿצען, אַז זיי האָבען ניט וואו צו לערנען זייערע קינדער, אָבער ניט אַלע זיפֿצען זענען גלייך. פֿערמעגליכע עלטערן זיפֿצען, וואס פֿאר זייערע קינדער איז ניט דאָ קיין פלאַטץ אין די גימינאַזיעס און פֿאַר זייערע גימינאַזיסטען איז ניט דאָ קיין ערטער אין די אוניווערזיטעטען, און די אָרימע קלאַסע קלאָגען זיך נעביך, אז פֿאר זייערע קינדער איז ניט דאָ קיין חדרים, וואו זיי זאלען זיך חאטש אויסלערנען דאוועגען און חאטש א בריעוויל אָדער איין אַדרעס אָנשרייבען.

העכער ווי אין אלע שטעדט הערען זיך די זיפּצען פון אָרימע עלטערן אין דער גרויסער שטאָדט ווארשא און די איבריגע יודישע שטעדט פון רוסיש-פּוילען.

וואָס הייסט, עס איז ניט דאָ קיין חדרים ביי יודען? מלמדים איז, דאַכט זיך, דאָ מעהר ווי מען בעדאַרף. טאָמער האָט איהר אַ קינד, וואָס שטעלט זיך קוים אויף די פיסליך, קומען צו אייך אין זמן־צייט צעהן מלמדים, איהר זאָלט זיי אוועקגעבען אייער קינד אין חדר, וועגען דעם פּרייז וועט מען זיך שוין אויסגלייכען, ביי אַ יודען איז אַ מצוה צו צאָהלען שכר־למוד. די טיהר פערמאַכט זיך ניט ביי אייך פון די מלמדים, ביז איהר מוזט אוועקגעבען אייער קינד אין חדר.

ווי אַזוי זשע קען מען זיך קלאָגען, אַז עס פעהלט חס־ושלום ביי אונז יודען חדרים?

מיר יודען לעבען אָבער אין טעות, און דאָס איז אונזער אומ־גליק, וואָס אונז ווייזט זיך אָפּט אויס, אַז מיר האָבען ניט נור גענוג חדרים, נאָר אַז מיר האבען נאָך אנדערע נייטהיגע און נוטצליכע זאַ־כען גלייך ווי אלע אנדערע פעלקער.

זיי האָבען טאַקע, און אונז ווייזט זיך נור אויס, אַז מיר האָ־בען, נאָר ווען מיר קוקען זיך צו געהנטער, זעהען מיר נור ווינד־מיהלען.

וואָס זענען אַזוינס די דאָזיגע חדרים, אין וועלכע מיר שיקען אונזערע קינדער לערנען?

דאָס זענען פּיער ווענד, פול אָנגעפּאַקט מיט קינדער ווי הערינג אין אַ פעסיל, אַ סך בלאָטע און שמוטץ מיט ווינציג לופט. דאָרט ווערען די קינדער קראַנק, דאָרט בעקומען די קינדער איינגעפאַלענע הערצער, איינגעבויגענע ריקענליך און פערגעלטע פּנים׳ליך, איבער די אומגליקליכע אין חדר צוזאמענגעפּאַקטע קינדער, געוועלטיגט איין אומגליקליכער האלב הונגעריגער יוד, וואָס רופט זיך אָן „מלמד". אַ גאַנצען טאג רייסט ער מיט די קינדער דעם נאַרגעל, און די קינדער שרייען נאָך. דער מלמד ווייסט ניט, וואָס ער וויל פון די קינדער, און די קינדער ווייסען ניט, וואָס זאָלען זיי וועלען פון איהם. דער מלמד ווייסט נור, אַז ער וועט נישט שרייען מיט די קינדער אַ גאַנצע וואָך, וועט ער פרייטאג ניט צונויפשלעפען די עטליכע גילדען ביי זיינע אָרימע בעלי־בתים, און די קינדער ווייסען, אַז זיי וועלען ניט געהן אין חדר, ווע־לען טאַטע־מאַמע שלאָגען. און אַזוי רייסען זיי צוזאמען מיט זייער רבי׳ן די העלזער אַ גאַנצע וואָך אין חדר.

אָט דאָס זענען די פּיעל חדרים פאַר טויזענטער, צעהנער טויזענטער יודישע קינדער פון אָרימע עלטערן.

אמת, עס זענען דאָ אויפזעהער פון דער רעגירונג, אַז די קינ־דער זאָלען זיין אַ געוויסע צאָהל אין יעדען חדר, אַז זיי זאָלען האָבען גענוג לופט, אַז מיט זיי זאָלען לערנען פעהיגע מלמדים און לעהרער, אָבער די רעגירונגסקאָנטראָל איז צו שוואַך, מען זאָל זיך קענען ראַנגלען מיט די שלעכטע חדרים.

וואו זאָל מען פאַר די חדרים נעהמען פעהיגע מלמדים און לעהרער און גרעסערע און גראַמערע צימער, אַז די אָרימע עלטערן איז אַזוי אויך שווער צו צאַהלען זייערע גראָשענס שכר למוד.

עס איז אַוודאי אין ווארשא אויך דאָ אַ סך לייטישע חדרים, וואו די קינדער האבען גענוג לופט און פעהיגע מלמדים מיט לעהרער, אָבער אין אַזוינע חדרים האבען די מעגליכקייט אבצוגעבען זייערע קינדער נור פערמעגליכע עלטערן, וואָס זאָלען אָבער נעביך טהון די אָרימע עלטערן? פאַר זייערע קינדער האבען מ׳ר נור אַזוינע חדרים.

וואו זיי קענען בלויז קראַנק ווערען אדער קאַליקעס ווערע׳, אבער ניט זיך עפּיס רעכטעס אויסלערנען.

געהט אויף די אָרימע יודישע גאַסען אין ווארשא און קוקט זיך צו אויף די קינדער, וועלכע „געהען אהיים פון חדר", וועט איהר זעהן ניט קיין פרעהליכע לעבעדיגע געזונדטע קינדער, נאָר בלאַסע פּנים׳ליך אָהן אַ טראָפּען בלוט, האַלבע מתים׳ליך אָדער גאַנצע קאַ־ליקעס, נאָר ניט קיין קינדער.

די אָרימע עלטערן קומט אָן שווער געבען דאָס שטיקיל ברויט זייערע קינדער, ניט נאָך צו צאַהלען שכר למוד.

עס ליגט אַ חוב אויף די פערמעגליכע און די רייכע פון יעדער שטאָדט, אַז זיי זאָלען זיך אינטערעסירען פאַר די אָרימע און פאַר די ערציהונג פון זייערע קינדער. אומעטום העלפען די גבירים אין דעם מעהר אדער ווייניגער, נור דאָ אין ווארשא און אין די אַנדערע שטעדט און שטעדטליך פון פוילען אינטערעסירט זיך מיט דעם קיינער ניט.

אין פּיעל שטעדט קומען צו הילף דער אָרימער קלאַסע די ציוניסטען מיט זייערע מוסטער חדרים, נור אין ווארשא טהוען אין דעם אפילו די ציוניסטען אויך גאָר ניט. עס איז אפילו דאָ געעפענט געוואָרען איין מוסטער־חדר, נאָר ער געפינט זיך אין אַזאַ טרויריגער לאַגע, אַז דער פּריסטאַוו האָט געמוזט פאַר דירה געלד פערקויפען דאָס מעביל פון חדר.

און דאָס אַלעס קומט פאָר אין אַזאַ גרויסער יודישער שטאָדט ווי ווארשא, וואו עס געפינען זיך אַזוי פּיעל יודישע גבירים!

טרויריג.

טרויריגער איז נאָך מעהר, וואָס אונזער אומגליק דערזעהען פרי־הער אַנדערע ווי מיר זעלבסט.

„ווארש. דניעווניק" וואָס מאַלט מיט טרויריגע פאַרבען די שרעק־ליכע לאַגע פון די קינדער־ערציהונג פון דער יודישער אָרימער קלאַסע, מאַכט גרויסע פאָרווירפע די ווארשאווער יודישע גבירים, וועלכע שיטען געלד אויף די מוזיקאַלישע געזעלשאַפט „פילהאַרמאָניע" און אויף נאָך פּיעל ניט יודישע אנשטאַלטען און קומען ניט צו הילף זייערע אָרימע ברידער, זיי זאָלען האָבען לייטישע חדרים אָדער שולען, וואו צו לער־נען זייערע קינדער.

דיזעלבע צייטונג זאָגט, אַזוי ווי די רעגירונג פערנעמט זיך איצט מיט דער פראַגע, ווי צו שטעלען אין אַ בעסערען שטאַנד די יודישע חדרים, און האָט ברעה צו פערקלענערן די צאָהל פון די חדרים, כדי מען זאָל קענען האָבען אַ ריכטיגע השגחה איבער זיי, מיינט זי, אַז מיט אַזאַ מיטעל וועט דער שטאַנד פון די חדרים ניט פערבעסערט ווערען. דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס די יודישע אָרימע קלאַסע קען ניט צאָה־לען קיין גוטע מלמדים און לעהרער, זיי זאָלען האַלטען לייטישע חדרים. דער גאַנצער יאָך פון דער פאָלקסבילדונג ליגט נור אויף דער אָרימער קלאַסע, און די רייכע יודען ווילען קיין אַנטהייל נעהמען אין די הוצאות אויף פאָלקסשולען און חדרים.

דערום ראָטעט די צייטונג, מען זאָל אָרויפלעגען אַ בעזונדער אַב־צאָהל אויף אָרימע און רייכע גלייך און פאַר דאָס געלד עפענען יודישע אנפאַנגס שולען און אויך אַ יודישען לעהרער־אינסטיטוט. מיר גלויבען אָבער ניט אין דעם נוטצען פון אַזאַ אַבצאָהל.

„די יודען אין רוסלאַנד האָבען פון לאַנגע יאָהרען אויף זיך אָרים און רייך אַבצאָהלונגען אויף פלייש (קאַראָבקע) און אויף ליכט, און פון דעסטוועגען זעהען מיר זעהר ווינציג, אַז אין די יודישע שטעדט און

שטעדטליך זאָלען זיך עפֿענען נייע יודישע שולען. אפילו פֿון די צוויי יודישע לעהרער־אינסטיטוטען אין ווילנא און אין זיטאָמיר, וואָס זענען שוין געוועזען, איז נור געבליבען איינער אין ווילנא.

נייע אָנפאַנגס שולען עפֿענען זיך אַמאָל אין די יודישע שטעדט נור דאַן, ווען די פֿערמעגליכע איינוואָהנער פֿון שטאָדט אינטערעסירען זיך פֿאַר די יודישע פֿאָלקסבילדונג און נעמען אַנטהייל צו שאַפֿען מי־טעל פֿאַר אַזאַ שולע.

מיר ווילען האָפֿען און גלויבען, אַז די פֿערמעגליכע יודישע קלאַ־סע אין די יודישע שטעדט אין רוסיש פוילען וועלען ניט וואַרטען, ביז מען וועט אויף זיי אַרויפֿלעגען אַ אַבצאָהל אָדער פֿערקלענערען די צאָהל פֿון די יודישע חדרים, און וועלען זעלבסט קומען צו הילף דער יודישער אָרימער קלאַסע צו לערנען זייערע קינדער. דאָס איז אַ היילינער חוב אויף יעדען יודען.

אֱמֶת.

---

# די יודישע וועלט.

## געזעצען און משפטים.

= דער רוסישער סענאַט, אויף דער נאָהענטסטער אסיפה פֿון ערשטען דעפּאַרטאַמענט פֿון סענאַט וועט ווערען ווי מען זאָגט, בעקלערט די פֿראַגע איבער די רעכטע פֿון יודישע בעלי מלאכות.

= דער סענאַט האָט ערקלעהרט: 1) אַז אויב אַ יוד איין אַקערבויער פערנעהמט זיך נישט מיט ערד־אַרבייט, דאַרף ער דערפֿאַר נישט אויסגעשלאָסען ווערען פֿון זיין אַקערבויער־שטאַנד; 2) די בעשעפֿטיגונג מיט אויסאַרבייטען פֿון וואורשט ווערט גערעכענט פֿאַר אַ מלאכה, וועלכע גיט יודען דאָס רעכט צו וואָהנען אויסער דער „טשערטאַ“; 3) כדי מען זאָל קענען ווערען איינגעשריבען צווישען די סוחרים פֿון ערשטער גילדע אויסער דער „טשערטאַ“, איז נייטהיג צו זיין פריהער פֿערשריבען 5 יאָהר דורכאַנאַנד אַלס סוחר פֿון I־טער גילדע אין דער „טשערטאַ“, האָטש דער בעטרעפֿענדער איז פֿאָרמעל נישט בעשטעטיגט געוועזען פֿון דער קאַזיאָננער פּאַלאַטע אַלס סוחר פֿון ערשטער גילדע.

= אין פֿעברואַר וועט אין מעדיצינישען דעפּאַרטאַמענט בעקלערט ווערען די פֿראַגע, אויב מען זאָל צולאָזען יודען, וועלכע האָבען נישט דאָס רעכט צו וואָהנען אויסער דער טשערטאַ — צו זיין אויף קוראַציע אין די קאַווקאַזער און אַנדערע רוסישע בעדער, אויסער דער טשערטאַ.

= די ממשלה אין אונגאַרן האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז מען זאָל נישט לאָזען קיין שום אויסלענדישע יודען דורכפֿאָהרען אָדער ווייזען אין אונגאַרן, אויב ער ווייזט נישט אויף, אַז ער פֿערמאָגט 400 קראָנען פֿאַר יעדען ערוואַקסענעם מענש און 200 קר׳ פֿאַר איטליכעם קינד ביז 10 יאָהר, אָדער ווענינסטענס אַ בריעף פֿון איין עמיגראַציאָנס־פֿעראיין, אַז ער איז זיך מתחייב איהם אויסצוהאַלטען.

= דער „דזשואיש קראָניקל“ איז מודיע, אַז דער יונגסטער זאָהן פֿון וויצעאַדמיראַל ע ל י א ס ־ פ א ש א, דעם לייב־מעדיק פֿון סולטאַן און מעדיציני־שער הויפּט־אינספּעקטאָר פֿון טערקישען פֿלאָט, איז בעשטימט געוואָרען צו זיין סעקרעטאַר פֿון דער טערקישער געזאַנדשאַפֿט אין לאָנדאָן.

*

## יודישע געמיינדען.

= אין דער יודישער קעלנער געמיינדע איז געוועזען אַ שטרייט, אויב מען זאָל איינפֿיהרען איין אָרגעל אין דער נייער שול אָדער נישט. די פֿרומע קלאַסע און אויך נאַציאָנאַליסטען זענען געוועזען דאַגעגען. מיט אַ גרויסען רוב דעות איז אָנגענומען געוואָרען, אַז מען זאָל קיין אָרגעל נישט איינפֿיהרען.

= זייט די אינזעל ק ו ב א איז אַרויס פֿון די שפּאַנישע הענד און אונטערגעפֿאַלען צו די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, האָבען יודען בעקומען די מעגליכ־קייט צו וואָהנען אויף דער אינזעל, אין האַוואַנאַ דער הויפּטשטאָדט פֿון קובא האָבען זיך לעצטענס בעזעצט פֿיעל יודען, גרעסטענטהיילס אויס די פֿעראייניגטע שטאַאַטען.— נישט לאַנג איז דאָרט געוועזען אַ פֿערזאַמלונג פֿון דאָרטיגע יודען, וועלכע האָבען בעשלאָסען צו גרינדען אַ געמיינדע און געזאַמעלט נדבות אויף אויסבויען אַ שול אין האַוואַנאַ.

= בעת דער סולטאַן פֿון מאַראָקקאָ איז אַרויסגעפֿאָהרען פֿון זיין דרום־הויפּטשטאָדט־מאַראָקעט, האָט ער אויפֿגענומען אַ יודישע דעפּוטאַציע, וועלכע איז געקומען איהם צו ווינשען אַ גליקליכע רייזע און צוגלייך געבעטען, אַז מען זאָל די יודען אין מאַראָקעט ערלויבען צוצוקויפֿען ערד, כדי צו פֿערגרעסערען זייער געטאָ. דערביי האָט די דעפּוטאַציע אָנגעוויזען אויף אַ פּלאַץ, וועלכען די יודען ווילען קויפֿען. דער סולטאַן האָט געענטפֿערט דערויף, אַז ער קען ערלויבען צו קויפֿען נור אַזאַ פּלאַץ, וועלכער גרענעצט זיך מיט דעם יודישען געטאָ. די דעפּוטאַציע האָט דאַן אָנגערופֿען איין אַנדער פּלאַץ, וועלכער ליגט האַרט נעבען יודישען קוואַרטאַל. „דעם פּלאַץ קענען מיר אייך נישט אָוועק־געבען, — האָט געזאָגט דער סולטאַן, — ער געהער צום קריעגס מיניס־טעריום“.

*

## בילדונג.

= אין דער בודזשעט־קאָמיסיאָן פֿון עסטרייכישען פּאַרלאַמענט האָט דער דעפּוטאַט ד ר. ב י ק בעמערקט, אַז ביז אַהער איז נישטאָ אין עסטרייך קיין איינציגעס ראַבינער סעמינאַר, וועלכעס זאָל ווערען אויסגעהאַלטען פֿון דער רעגירונג, הגם דער קייזער האָט ערקענט די נויטהיגקייט פֿון אַזאַ אַנשטאַלט, און פֿיעל מיניסטאָרען ווי גראַף טהון, גאָלוכאָווסקי און אַנדערע האָבען עוסק געוועזען אין דער שאלה. דער ראַבינער אינסטיטוט אין וויען בעקומט אפילו פֿון דער רעגירונג אַ יעהרליכע שטיצע פֿון 10,000 קראָנען אָבער דער אינסטיטוט איז נישט פֿאָרמעל בעשטעטיגט און די דיפּלאָמען, וועלכע ער גיט זיינע שילער, האָבען נישט קיין ווערט אין לאַנד. עס איז אויך נישטאָ אין עסטרייך קיין ב ע ש ט ע ט י ג ט ע ר לעהרער־אינסטיטוט. נאָר דער אינסטיטוט אין לעמבערג האָט געזאָלט בעקומען אַ גלייכע שטיצע פֿון דער רעגירונג, אָבער עס איז נייטהיג צו געבען שטיצע אויך די אינסטיטוטען אין וויען, פּראַג, ברינן און טשערנאָוויטץ.

דער מיניסטער פֿון פֿאָלקסבילדונג פֿאָן האַרטעל האָט געענטפֿערט, אַז די ממשלה קאָן נישט בעשטעטיגען דעם ראַבינער אינסטיטוט אין וויען, כל זמן עס וועט נישט ווערען בעשטימט, וואָס פֿאַר אַ בילדונג עס דאַרפֿען בעזיצען די ראַבינער. אויב די יודישע געמיינדען וועלען זיך נעהמען דערצו, וועט ער זיך אַליין פֿרעהען. אויב די קהלות וועלען צוטרעטען אויך צום גרינדען פֿון לעהרער־סעמינאַרען, וועט זיי די ממשלה נישט זשאַלעווען איהר שטיצע.

פֿון ניי־יאָהר ווערט געעפֿענט אין ל ו ב ל י ן איין האַנדעלסשולע פֿון 4 קלאַסען, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען און ווערט אויסגעהאַלטען פֿון די לובלינער סוחרים. די געוועהנליכע צאָהל פֿון שילער אין יעדען קלאַס וועט זיין 40. ביים אַריינעהמען אין שולע וועט געגעבען ווערען דער פֿאָרצוג די קינדער פֿון שטענדיגע לובלינער איינוואָהנער. נעבען דער שולע וועט זיין אַ ביבליאָטהעק, אַ מוזעאום פֿון מוסטערען און קאָלעקציאָנען.

= דער קוראַטאָר פֿון חאַרקאָווער לעהרראַיאָן האָט ערלויבט דעם ראַסטאָווער ראַבבינער מ. א. אייזענשטאַדט צו עפֿענען ביי דער ראַסטאָווער כאָרשול אַ שולע פֿאַר דערוואַקסענע יודען. אין דער שולע וועט מען לערנען: רוסיש, רעכענען, רוסישע געשיכטע, תנ״ך, העברעאיש און יודישע געשיכטע.

= ראַבינער דר. אייזענשטאַדט אין ראַסטאָוו האָט געקראָגען איין ערלויבעניש צו עפֿענען אַ יודישע ביבליאָטהעק און לעזעזאַל ביי דער כאָרשול.

= דער בעריהמטער אַסטראָנאָם פּ ר אָ פֿ ע ס אָ ר וו י ל ה ע ל ם פֿ ע ר־ ס ט ע ר האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג געגען די שוויריגקייטען, וועלכע מען האָט געמאַכט אין איינינע דייטשע אוניווערזיטעטען געגען די אויסלענדער. ער איז מעורר די פּראָפֿעסאָרען, אַז זיי זאָלען זיך נישט לאָזען בעהערשען פֿון שנאה צו וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק אָדער וואָס פֿאַר אַ גלויבען עס איז. עס איז נייטהיג צו בעמערקען, אַז די בעסטע דייטשע געלעהרטע זענען איין דעה מיט׳ן פּראָפֿעסאָר פֿערסטער.

*

## געשעפֿטען און מלאכות.

= די ערשטע וויטעבסקער שוסטער־אַרטעל האָט נישט לאַנג זיך אויס־גערעכענט מיט איהרע חברים פֿאַר דעם ערשטען חדש זייט זיי אַרבייטען. אויף יעדען חבר איז אויסגעקומען צו 35 רוב׳. אויסערדעם האָט זי אין דער צייט אויסגעאַרבעט אַ שען ביסיל שוכוואַרג אויף לאַגער. מען רעכענט אַז צו פֿריה־לינג וועט איהם פֿעהלען צייט אויסצופֿולען אַלע בעשטעלונגען.

= דער „ו ו א ר ש׳ ד נ י ע ו ו“. איז מודיע, אַז יודען וועלכע זענען געוואָרען אַרויסגעשיקט פֿון דרום־רוסלאַנד און זיך בעזעצט אין פּוילען, האָבען זיך געווענדעט צום מיניסטעריום פֿון ערדאַרבייט מיט דער בקשה, אַז מען זאָל זיי אַבטהיילען ערד אויף אַ קאָלאָניע, פֿאַר וועלכע זיי ווילען אָנהויבען צאָהלען פּאַכטגעלד איבער דריי יאָהר נאָך זייער בעזעצען זיך אין דער קאָלאָניע.

*

## סטאַטיסטיק.

= יודען זענען דאָ אין רוסלאַנד 5,189,000 נפשות, אָדער 4,13 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג. זייער איינטהיילונג איז אָבער זעהר ניט גלייך. אין קאַווקאַז למשל זענען די יודען 0,63 %, אין סיביר — 0,6 %, אין מיטעל־אַזיען — 0,16. אַזוי אויך אין די גובערניעס פֿון אייראָפּעאישען רוסלאַנד אויסער דער „טשערטאַ“, אין וולאַדימירער גוב׳, למשל — 0,09 %, אין טווערער און טאַמבאָווער — 0,08 %, אין קאָסטראָמער 0,06 %, אין פּענזער — 0,04 %, וויאַטקער — 0,03 % א. ז. וו. אין צפֿון און אין מזרח פֿון אייראָפּעאיש

רוסלאנד מאכען יודען אויס אין 38 אויעזדען נישט מעהר ווי 1/10,000 פון דער בעפעלקערונג און אין 59 אויעזדען איז נישטא קיין איין יוד. דאגעגען אין פוילען זענען יודען 14,01 % פון דער בעפעלקערונג, מאהילעווער גוב' 15,77 %, איין גראדנער — 17,28 % און אין ווארשעווער גוב' — 18,12 %.

= אין אלזשיר וואהנען צווישען 4 מיליאן אראבער, 360,000 פראנצויזען און 350,000 פערשידענע אייראפעער. יודען זענען פארהאן אין אלזשיר 57,000.

*

## ליטעראַרישע נייעס.

= די ווילנער קאמיסיאן צו בעארבייטען אלטע דאקומענטען האט ארויסגעגעבען דעם 68-טען באנד אונטער דעם נאמען: „דאקומענטען וועגען יודען", דער דאזיגער באנד ענטהאלט פיעל מאטעריאל פון יודישער געשיכטע.

*

## וויסענשאפטליכע נייעס.

— די „שטודיען-געזעלשאפט פאר עלעקטרישע שנעלבאהנען" אין בערלין האט געמאכט פראבען מיט עלעקטרישע שנעלבאהען, אנהויבענדיג מיט א גיכקייט פון 60 קילאמעטער (א קילאמעטער איז עטוואס ווענינער פון א וויארסט) האט מען זי ביסליכווייז פערגרעסערט אויף 100, 120, 140 ביז 160 קילאמעטר. אויף די אייראפעאישע אייזענבאהנען איז מען ביז אהער נישט געפאהרען גיכער ווי 130 קילאמעטר אין א שעה, און אויף די אמעריקאנישע באהנען — נישט מעהר ווי 140 קילאמעטר. די פראבען זענען געראטהען אין אלע אופנים, און עס איז צו רעכנען, אז מען וועט נאך קענען מעהר פערגרעסערן די גיכקייט פון פאהרען אויף די אייזענבאהנען.

---

# בעריל וואסער-פיהרער.

## I.

בעריל וואסער-פיהרער איז כמעט נאך א יונגיל, ערשט פאר א יאהרען איז ער געשטאנען צום פריזיוו. א קורצער האלז מיטברייטע אקסלען, קורצע הענד, וועלכע ענדיגען זיך מיט ברייטע דלאניעס; קלוגע צוויי אויגען קוקען פרעהליך ארויס פון אונטער דעם שטערן, וואס איז פול מיט קנייטשען; גלאנציג שווארצע, קיילעכדיג ארומגעשארענע האר, וואס הענגען אראב איבער א רויטען, אין פאלדען אבגעלעגטען קארק און שטעקען ארויס פון אונטער א מין היטיל, וואס נור ער — בעריל פלעגט עס טראגען, און נור איהם פלעגט עס פאסען — אט דאס זענען אלע זיינע סמנים. ער איז א מאל בעקאנט געוועזען פאר א פארשוין. אלע מיידליך פונ'ם אונטערגעסיל פלעגען אויף איהם אויגען ווארפען.

היינט האט ער שוין א ווייב. עס קוקען איהם שוין נור נאך די אלטע וואסער-פיהרערס און — ניט אהן קנאה:

„ער איז ווי צוגעוואקסען צום פעסיל" — בעמערקט פישעל, איין אלטער וואסערפיהרער, ווען ער זעהט בעריל'ען דורכפאהרען רייטענדיג אויפ'ן פעסיל און מאכען נענועים מיט'ן בייטשיל איבער'ן פערדיל.

„ס'קאן איהם קיינער ניט נאכהאלטען, טהוט א זיפץ ברוך-דוד — איין איינגעהויקערטער וואסערפיהרער — א טאטע פון מעהר ווי א האלב טוץ קינדער: איידער דו צוטהיילסט א פעסיל, קערט ער זיך שוין אום דאס צווייטע מאל".

אלע וואסערפיהרער פלעגען איהם אויסטרעטען פונ'ם וועג; ער האט געהאט א שם פון א לייב צווישען די וואסערפיהרער, חאטש ער פלעגט קיינעם ניט אנטרעטען און פלעגט אויסמיידען קריג; אפילו איבערשווייגען צומאל, ווען יענער האט איהם אנגעריהרט. ער פלעגט נור געפעהרליך זיין, ווען ער פלעגט זיך אנשכור'ן; נאר דאס פלעגט זעהר זעלטען טרעפען. אויסער „שמחת תורה" און „פורים", ווען שכרות פאסט א יודען, ווי א גרייז אין דער עברי — א גרויסען רב, אדער ווי איין אנזעיץ — א גרויסען עושר — פלעגט מעז בעריל'ען זעלטען זעהן שכור. זעלטען, זעלטען פלעגט זיך טרעפען צו זעהן בעריל'ען אויף דער גאס אהן דעם פעסיל. „וואס איז עפיס — ווי א יתום?" פרעגט איהם דעמאלס איינער פון די „ברידער".

„איך געה זיך אנשכור'ן, ניט בעריל א קורצען ענפער: ווילסט? קום אויך מיט מיר!"

און ניט איינער פון די וואסערפיהרער פלעגט מרוצה זיין צו געהן מיט איהם. ער פלעגט דעמאלס געפעהרליך זיין. —

„ס'בייסט איהם די פליג אין האלז... זאל ער אליין געהן און אויסלאזען דאס הארץ צו די גלעזער און פלעשער."

„ניט אין האלז בייסט איהם די פלוג, פלעגט דערויף בעמערקען איין אנדערער וואססרפיהרער, וואס איז נעהנטער בעקאנט געוועזען מיט בערילס לעבען — זי בייסט ערגיץ טיעפער".

* * *

בערילס פאטאן — אזוי פלעגט ער אליין אין אויפגעלעגטע צייטען רופען זיין פעסיל — שטעהט געשפאנט פאר זיין שטיביל. דאס פערדיל דרעהט אלע מאל אויס דעם קאפ צום קליינעם פענסטעריל, גלייך עס וואלט פערהאלטען דעם בעל הבית, וואס ער ליגט דארט אזוי לאנג און געהט ניט ארויס צו זיין ארבייט. בעריל זוימט זיך דארט טאקי באמת ניט ווי געוועהנליך. ענדליך עפענט ער די טהיר, זעצט זיך אויפ'ן פעסיל מיט כעס.

דאס פערדיל דערשרעקט זיך פאר זיין בייז שווייגעניש, און נעמט זיך לויפען געשמאק צום קוואל. —

„די יאהרען דערגעהט זי מיר — אט, די קליפה! רעדט ער צו זיך, זיצענדיג אויפ'ן פעסיל; (ס'פלעגט תמיד זיין געוועהנונג זיין, אויסרעדען זיך פאר זיין פעסיל ארער פאר דעם פערדיל): אט דאס איז א קליפה!"

דאס פערדיל שטעלט זיך אב ביים קוואל; בעריל געהט אראב, ציהט אויס דאס פערד ביי די אויערען, נעמט זיך פויל צו די קאנען. —

„איך מוז מאכען איין עק מיט איהר — טענ'ט ער זיך אויס, גלייך עמיצער הערט איהם...: און וואס עפיס ווארפט זי מיר אויס: „אסתרקע!"

„איך וואלט לאנג געוועזען פערגעסען אן איהר! נאר זי לאזט מיך ניט פערגעסען... דערמאנט מיר אלע מאל די אלטע וואונדען!"

„אסתרקע" — ווארפט זי מיר אויס. בייזערט ער זיך, גיסענדיג די קאנען אין פעסיל: זי מעג נאך היינטיגען טאג די כפרה ווערען פאר אסתרקעס נאגעל!"

עס פאהרט צו צום קוואל שמואלקע לוטוואק — נאך א יונגיל; ער האט נאך ניט קיין אייגען געשפאן, ער ארבייט ביי ברוך רוד'ן אויפ'ן פעסיל. ערשט צוויי חדשים זייט ער האט אין דעם שטעדטיל פערבלאנזעט — דאך ווייסט ער, אז פאר בעריל'ען האבען אלע וואסער-פיהרער דרך-ארץ. ער איז געבליבען שטעהן פון ווייטען, און האט נערווארט, בעריל זאל אנפולען און אבפאהרען. —

בעריל פיהלט א נויטהינקייט צו רעדען. עד ווערט כמעט דערווארגען, דאס הארץ רייסט זיך אב!... ער נעהט נעהנטער צו צו שמואל-קעס פערדיל, טהוט איהם א גלעט איבער'ן רוקען, א ציה ביים עק: „האסטו שוין א ווייב אין דערהיים שמואלקע?" ווענדט ער זיך גלייך צום יונגיל. —

„צרות האב איך, ניט קיין ווייב!" ענפערט יענער.

„שטיל, דו שייגאץ! אז דו האסט קיין ווייב ניט, האסטו צרות אויך א מכה! הערסטו — דו?! בעטראכט נור, ווער ס'האט צרות!"

שמואלקע האט פערשטאנען, אז דאס איז ניט מעהר, ווי א ווערטיל, א כתבותיל; דאך האט ער זיך דערשראקען פארן טאן, פאר'ן

ציטעריגען קול, מיט וועלכען בעריל האט אויסגעשריען די לעצטע ווערטער. עס האט אויסגעוויזען— ער בייזערט זיך אין אמת'ן, ער קומט אין כעס אריין. שמואלקעהאט אבגעשוויגען.

„וואוהין פאהרסטו פון דאנען?״ פרעגט איהם בעריל פלוצלינג.

„צו יוסיל סטאראסטע״, ענפערט יענער.

״אקעגען שטילען שענקיל? גוט, איך פאהר אויך אין יענער גאס. גיב אהער דיין פעסיל״.

שמואלקע האט צוגעפיהרט דאס פעסיל. בעריל האט'ס אנגעפולט. שווייגענדיג האבען זיי זיך ביידע ארויפגעזעצט, ארייגעפאהרען אין גאס אריין; און, אז שמואלקע האט אבגעגעבען דעם סטאראסטע זיין וואסער, האט איהם בעריל ערוואַרטעט ביי דער טהיר. „קום מיט מיר!״ זאגט ער איהם.

״וואוהין?״ פרעגט יענער פערוואונדערט.

„הא ניט מורא! כ'ל דיך ניט קוילען!״ שפעט בעריל אויס איהם: „קום אהין!״, ווייזט ער איהם מיט איין פינגער צום שטילען שענקיל און מיט'ן אנדערן טהוט ער זיך א שנעל אין גאַרגיל—„צאהלען וועל איך״.

„נו, און דאס פערד?״

„וועט דער רוח ניט האפען! ברוך־דוד'קע מעג דארען אביסיל״.

שמואל'קען האט זיך ניט געוואָלט איבערלאזען דאס פעסיל אויף הפקר, חוץ דעם האט ער זיך אויסגערעכענט, אז פאר די צייט, וואלט ער קאנען איינטהיילען דאס וואסער, און ווי גיכער זיך אומקעהרען צום קוואל — נאר ווי זאגט מען עס אב א וואסער־פיהרער א בעל-הבית? חאטש ניט ויינער, נאר דאך — א בעל-הבית פון איין אייגען געשפאן? ער האט זיך דערום איהם נאכגעשלעפט, בלייבענדיג אליץ אונטער איהם אין שענקיל, ווען בעריל האט אבגענומען א בעזונדער צימער, און נעשאפט, מע זאל דערלאנגען בראנפען מיט גלעזליך, האט זיך שמואל'קע ניט געזעצט, ביז בעריל האט איהם אבגעוויזען אויף א בענקיל נעבען זיך. —

„יא, ברודער, ווענדט ער זיך צו איהם נאכ'ן ערשטען מאל טרינקען, ווי—פון א מיטען שמועס: האסט נאך קיין ווייב ניט—ווייסטו פון קיין צרות ניט!״

„יא, ס'קלאהר אזוי!״ געפונט שמואל'קע פאר נייטהיג פון דרך־ארץ וועגען אונטערצוהאלטען דעם שמועס און עפיס צו ענפערן.—

„און... איך, רעדט בעריל ווייטער געצויגען, גלייך ער ציהט א קאן וואסער פון א טיעפען קוואל: און איך.. האב צרות, ווייל... כ'האב... א ווייב.. און צרות האב איך געהאט.. נאך איידער כ'הא'זי דערקאנט.. נאר אליץ אבער דערפאר נור, ווייל זי איז מיר בעשערט געווען״.

— „אזוי!״ טהוט יענער א געמאכטען אויסרוף.

בעריל גיסט נאך אמאל אן די גלעזליך, טרינקט אוים זיינס, מיט א ווינק פון א בעל־הבית דערמאנט ער שמואל'קען אן זיין גלעזיל. ער דערגיסט די גלעזליך דאס דריטע מאל, פערטראכט זיך אביסיל, און ווענדט זיך פלוצלינג צו שמואליקען.

„ווייסט, וואו חיים בער באדנער וואהנט אין דער אונטערגאס?״

„חיים בער? אין דער אונטערגאס? נו—נו?!״

„די דריטע שטוב פון דארט זענען מיר — ס'הייסט מיין פאטער און מוטער — געזעסען דעמאלס; און וואו חיים בער זיצט היינט, איז געזעסען איין אלמנה—„ביילע די טוקערן״ מיט איהר „אסתר'קען״.

ווייסט, ווער די אסתר'קע איז? גנה צווישען אלע וואסער פיהרעם, הייס דיר וויזען זייערע ווייבער—די שענסטע פון אלע איז „אסתר'קע״. דעמאלס איז זי נאך גאר א קינד געווען... איך בין אויך אין איהר אלטער געווען. מיר פלעגען זיך תמיד גוט פערהאלטען; ווען זי פלעגט געהען צום טייך איבערוואשען שטוב־זאכען, פלעג איך מיטגעהען מיט איהר, אבווארטען, ביז זי האט איהר ארבייט געענדיגט, און אינאיינעם זיך אומקעהרען אהיים. זי פלעגט מיך אונטערפיהרען אין חדר אריין, און אפטמאל מיך אבווארטען, ביז כ'בין פריי געגאנגען פונ'ם חדר. אינאיינעם פלעג מיר זיך שפיעלען, צוקריגען זיך און באלד טאקי איבערגעבעטען. איינמאל, געדענק איך'ס נאך, ווי היינט, האבען מיר געמאכט א שפיעל פון חתן־כלה. איך האב זיך אין מיטען שפיעל פערקוקט אויף איהרע לאנגע געפלאכטענע צעפ. מיר זענען געפעלען דעמאלס מעהר ווי תמיד איהרע ריהרעוודיגע אייגליך, איהר לעבעדיגקייט, איהר.. אלדינגס... ס'האט מיך עפים ווי א גראביל געטהון אין הארץ.. איך הא'מיך ניט געקאנט איינהאלטען.. כ'האב זי א שלעפ געטהון פאר די צעפ. זי איז בייז געווארען, אנגעפאלען אויף מיר און האט מיר א בים געטהון— זי פלעגט אזא טבע האבען: בייסען זיך פון כעס — איך האב איהר אבגעשוויגען. „נו, און אז דו וועסט זיין טאקי מיין אמת'ע כלה, איז מיר פלוצלינג איינגעפאלען צו פרעגען—וועסטו מיך אויך בייסען?״

זי האט זיך צולאכט, אראבגעלאזט די אויגען: „ניין כ'ל ניט בייסען״, האט זי אונטער דער נאז געענפערט.

כ'געדענק עס נאך ווי היינט, גלייך איך זעה עס מיט די אויגען, ווי זי איז רויט געווארען און אנטלאפען אין שטוב אריין צו דער מוטער.

פון דעמאלס אן, געדענק איך, האבען אויפגעהערט די קינדערשע שפיעלען צווישען אונז, גלייך מיר זענען אויף איינמאל עלטער געווארען. מיר פלעגען אליץ נאך פערברייננגען די צייט אינאיינעם, נאר שוין ווי עלטערע קינדער. ס'איז דערווייל אזוי איבערגעלאפען אפאר יאהר״.

(פארטזעצונג קומט). יהודה שטיינבערג.

---

# נ ד ב ו ת:

ל ט ו ב ת ה פ ו ע ל י ם ב א ״ י: אויף איין ציוניסטישער פערזאמלונג אין וויעלין: ה' שלמה מארקוזע — 1 רובל; ה' יצחק חוואט 50 קאפ. צוזאמען 1,50

פ י ר ד ע ם נ א צ י א נ א ל נ ע ם פ א נ ד: האבען מנדב געווען די חברה „דורשי ציון״ אין שדה-לבן 3,50 ר', בקערת עיוה"ב האט צוזאמנגענומען ה' ליברמן 1,60 צוזאמען 5,10 ר.

פ י ר ד י ה ו נ ג ע ר י ג ע א י ן ב ע ס ע ר א ב י ע ן: ה' ה"וו אייזענשלוס אין צאריען — 5 ר.

---

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן.

ה' סטאראוועסקי — אדעסא, ה' פיש—פראסקוראוו און אנדערע: דער ערשטער באנד „וועלטגעשיכטע״ אונגעבונדען איז ביי אונז איצט ניט דא; עס זענען נור דא די ערשטע 2 בענדער צוזאמען ג ע ב ו נ ד ע ן; ביטע אלזא צוצושיקען צו 30 קאפ. פיר דעם באנד.

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber, u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau.

# Die ✡ Welt

Zentral-Organ der Zionisten, erscheint am Sitze uud unter Aufsicht d. Actions-Comités zu Wien an jedem Freitag und bringt zu allererst authentische Nachrichten über die zionistische Bewegung u. die Colonialbank.

**ABONNEMENTSPREIS für RUSSLAND:**

Ganzjährig Rub. 7, 1/2-jährig Rub. 3,50, 1/4-jährig Rub. 1,75. Für Inserate: die 4 Mal gespaltene Petitzeile 10 kop.

Unsere Agentur für Russland hat der

Verlag „Achiasaf", Warschau.

Die Administration „Die Welt" Wien IX, Türkenstr. 9.

---

הוצאת חברת „אחיאסף".

## על פרשת דרכים

קובץ מאמרים מאת אחד-העם

מהדורה חדשה

בשני חלקים

כולל כל המאמרים של אחד העם שבאו בדפוס עד הזמן האחרון.

יצא לאור **החלק הראשון**

עם הקדמה חדשה מאת המחבר.

נדפס בברלין בדפוס משובח ועל ניר טוב.

מחירו 1,25 ר׳, עם פרטא 1,35.

מכורך 1,55 ר׳, עם פרטא 1,65.

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.

**Verlag „Achiasaf", Warschau.**

---



די בעוואוסטע פאבריק פון גילזען מא-שינען X. Рицeнбергъ, Варшава, איזט פון 1-טען אָקטאָבער איבערגע-טראגען געוואָרען אויף Новолипье 20

---

אויף רעדאקציע פרייז!

אבאָנירט צייטונגען אויף דעם יאָהר

1902

אין בוכהאנדלונג פון ד. סאווא, ווארשא טווארדא 5.

**Ksiegarnia i czytelnia D. SOWA**

Warszawa, Twarda 5.

---

מען קאָן דורך מיר קויפען אלע בעסאראבישע פראָדוקטען, היינו: קוקורוז, ווייץ, גערשטען, קאָרן, רעפאג, וויין-ניס וכדומה.

מיין אדרעסע: г. Бѣльцы. (Бесс.) Л. Розенталю.

---

שארית ישראל

בשלשה חלקים

מאת יהושע הלוי מוזה

יצא עתה לאור בשפת ע״ט עם נקודות יחויק 195 עמ׳ מחירו לאחרים 45 ק׳. להשיג בכל בתי מסחר הספרים וגם מיד המעתיק ע״פי האדריסא

O. Meisach Postrestante Wilno.

О. Мейзахъ
До востребованія Вильна

---




---

**א. וואלף, דענטיסט.**

(DENTISTE)

ווארשא, קארמעליצקאַ נר׳ 27.

---

אומזיסט פראָספעקט פון חעמישע ווע-שעריי און בעטפעדערן רייניגונג

М. Салямонъ Бѣлостокъ Никол ул.

---

עס זענען ערשיענען:

1) ברויט אָהן אַרבייט

ערצעהלונג פון ד״ר טהעאדאר הערצל

— פרייז 12 קאפ. —

2) אויף וואס דארפען מיר לערנען יודישע געשיכטע?

פון בן-דוד.

פרייז 8 קאָפּ.

מוכרי ספרים און ציוניסטישע פעראיינען בעקומען ראבאט!

צו בעקומען ביי דעם הערויסגעבער:

З. Каганъ, Варшава, Валицовъ 5.

און אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי:

**Издательство „Ахіасафъ", Варшава.**

---

**DIE WERKE von**

**Lessing, Goethe, Heine, Schiller,**

**Shakespeare, Lord Byron etc. etc.**

sowie alle deutsche und fremdsprachliche Bücher liefert **schnell** und **billig** laut Katalogen

**OSTDEUTSCHE BUCHHANDLUNG,**

Königsberg (Preussen). neben der Börse.

---



**Оптическо-Хирургическій и Электрическій складъ**

И. ПИКЪ Налевки 35, въ Варшавѣ.



עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, לייבבענדער, בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע זאָקען פיר געשוואָלענע פיס, ברילען מיט ווענעציאנישע גלעזער וועלכע די אייגענשאפט בעזיצען צו שטערקען די אויגען, אויך פערשידענע כירורגישע און אפטישע געגענשטענדע פיר קראנקע, ברוכבענדער ווערדען צוגעפאסט דורך איינען ספעציאליסטען. עס ווערט אנגענומען עלעקטריצשנע גלאק ארבייט נייע און פאצינקעס.



ישראל פיק נאלעווקע 35 ווארשוי.

---

# ערעפנעט

מיט דעם גרעסטען קאמפארט און היגיעניש איינגעריכטעט

☛ איין נייע זאלל פיר חתונות און בעלער ☚

אונטערן נאמען „NOWA HARMONIA"

אין ווארשא גרזיבאווסקא Nr. 11 טעלעפאָן Nr. 1443

אלס אמתיע פאכלייטע אין דיזער בראנזשע, נאך לאנגיאָהריגען פראַקטיק ביי דער פיהרונג פון איין זאַלכער זאלל אויף דלוגא שטר׳ Nr. 12 טעלעפאָן Nr. 1374 קענען מיר זיך דרייסט דעם געעהרטען פובליקום עמפּפעהלען אז די סעודות און בעלער וועלכע ווערדען אין אונזערעם נייעם לאָקאל געמאכט וועלען ענטשפרעכען דען העכסטען וואונשען און דעם גוסט דער געעהרטען פובליקום. ווי ביז אהער זאָ אויך פון נון ווייטער נעמען וויר אן בעשטעלונגען היזיגע און פון דער פראָווינץ. וויר עמפפעהלען זיך דער ריקזיכט דעס געעהרטען פובליקומס און פערבלייבען אכטונגספאָלל

**BRACIA IGALSOHN.**

אנמערקונג. קיינע קאנדיטארייען בעזיצען וויר ניט. וויר נעמען אָ בעשטעלונגען נור אויף דעם ארט מינדליך, בריעליך אָדער אויך פער טעלעפאָן „Nowa Harmonia" נומר 1443 אָדער Nouveaute נומר 1374.

## Открывается подписка

на 4 тома еще неизданныхъ произведеній (беллетристическихъ)

## Н. ПРУЖАНСКАГО.

Цѣна за всѣ 4 тома съ пересылкою и доставкою 4 руб. Въ продажѣ (безъ предварительной подписки) цѣна значительно будетъ возвышена.

Всѣ 4 тома выйдутъ въ продолженіи 1902 г. I т. выйдетъ въ февралѣ.

Подписка принимается у автора (Малая Охта, Малый проспектъ, д. 34, Спб.).

---

ס'איז ארויס פון דרוק א נייער בוך:

## די קלײדער פארבערײ און כעמישע וואשערײ

פון שאול שפירא

מיט 54 געפארבטע פראבעס פוי וואלענע, האלבוואלענע, זײדענע און האלב זײדענע קלײדער אי אלע נײטהיגע קאלירען. פרייז 1,50 ר', מיט פארטא 1,75 ר'. צו בעציהען פון פערפאסער:

Ш. М. Шапиро. Бѣлостокъ, почтовый ящикъ 75.

פראספעקט ווירד אויף וואונש אומזיסט צוגעשיקט.

אדער פון:

**Издательство „Ахіасафъ", Варшава.**

---

## ОТКРЫТА ПОДПИСКА НА 1902-ой ГОДЪ

на еженедѣльную газету

# „БУДУЩНОСТЬ"

съ ежегоднымъ приложеніемъ НАУЧНО-ЛИТЕРАТУРНАГО СБОРНИКА,

«БУДУЩНОСТЬ» независимый органъ русскихъ евреевъ, стремящійся къ культурному возрожденію и подъему самосознанія еврейской массы. Девизъ ея—«**НАРОДНОСТЬ и ПРОСВѢЩЕНІЕ**».

Еженедѣльникъ «БУДЩНОСТИ» выходитъ въ размѣрѣ 2½ — 3 печатныхъ листовъ большого формата и состоитъ изъ двухъ отдѣловъ — **СОВРЕМЕННОЙ ЛѢТОПИСИ**, въ которую входитъ обзоръ текущихъ событій еврейской жизни въ Россіи и заграницей и статьи по бытовымъ вопросамъ, и **ЛИТЕРАТУРНО-НАУЧНАГО ОТДѢЛА**, содержащаго статьи по еврейской исторіи и литературѣ, беллетристическія произведенія, критическія статьи, журнальное обозрѣніе и фельетонъ.

Въ Ежегодномъ сборникѣ «БУДУЩНОСТИ», выходящемъ въ концѣ года въ размѣрѣ не менѣе 22 печ. листовъ большого формата (1-й томъ содержитъ 408 страницъ), помѣщаются болѣе крупныя по размѣрамъ статьи научн. и литерат. содержанія.

Въ Научно-Литературные сборники «Будущности» т. I. (за 1900 годъ) и т. II-й (оканчивающійся печатаніемъ), вошли статьи проф. *Д. А. [illegible]ольсона, д-ра Л. С. Каценельсона, Н. А. Перефе[illegible]овича, И. Ю. Маркона, С. М. Станиславскаго, Ю. И. Гессена, барона Н. фонъ-деръ Ховена, М. И. Мыша и др. разсказы Бенъ-Ами, С. О. Ярошевскаго, М. Д. Рывкина, Менделе Мохеръ-Сфоримъ, Р. Брайнина, Н. О. Пружанскаго, романъ Макса Віола и др. — стихотворенія С. Г. Фруга, Х. Б. Зингера и др.,— критическія статьи О. Грузенберга, Як. Б. Каценельсона, С. М. Ливпшица и др.*

**Цѣна Сборника** въ отдѣльной продажѣ — 2 руб. за каждый томъ; за оба тома вмѣстѣ 3 р. 50 к. (съ пересылкою)

**Подписная цѣна** на годъ (съ приложеніемъ ежегоднаго Сборника) 7 р., на ½ года—4 руб., на 3 мѣсяца 2 руб. — Ежегодное приложеніе предназначается только для годовыхъ подписчиковъ. Допускается разсрочка: при подпискѣ 3 руб., къ 1 Марта 2 р., къ 1 Іюня 2 р.

Новые подписчики получаютъ газету со дня подписки безплатно.

Новые годовые подписчики могутъ получать оба тома Сборника (1-й томъ немедленно, а томъ 2-й по выходѣ его въ свѣтъ безплатно, приложивъ на почтовые и конторскіе расходы по 50 к. на каждый томъ.

Адресъ редакціи и главной конторы: С.-Петербургъ, Пушкинская 7.

Редакторъ-Издатель Д-ръ С. О. Грузенбергъ.

Можно также выписать черезъ Т-во «Ахіасафъ».

---




---

**Новооткрытые „Московскіе Номера"**, комфортабельно устроенные съ образцовой прислугой. При номерахъ домашній ресторанъ. Цѣны отъ 50 к. до 3 руб. за номеръ. Х. Мосевицкій, Варшава ул. Новолипки 10, противъ 2-ой Гимназіи.

---

עס איז ארויס

**א רוסיש-זשארגאנישעס ווערטערבוך**

צום 2-טען טהייל (словарь) Русская рѣчь П ч. М. Вольпера. פרייז אין איינבאנד 25 ק., מיט פארטא 32 ק. די וואס קויפען 20 עקז. — פריי פארטא.

מוכרי-ספרים קריגען גרויסען ראבאט. צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

אויך ביי דעם הערויסגעבער:

Д. Пташкинъ Варшава
Волынская 14, кв. 30.

---

**עס ווערען געפאדערט אגענטען:**



אויף זעהר גוטע בעדינגונג. ניי געעפנעטע פאבריק פון קויטשוק און מעטאל-סטעמפעלען שיקט ארויס א רייך-אילוסטריר-טען קאטאלאג (ביז 120 זייטען מיט די נייעסטע ריסונקעס און נייעסטען פון אויסלאנד). נאר פאר דריי זיי-בענקאפיקענע מארקען.

אדרעס:
Въ контору фабр. штемп. и кожаныхъ изд. Ш. Е. Фридманъ, Варшава, Купеческая 6.

---

דאנטיסט

**בערלין-קרופיצקי, ווארשא**

נאלעווקי נו' 7

ספעציאליטעט-קינסטליכע צאהנע קארא-נען און בריקען ארבייט (אהנע גומען).

!! רעפערירט אין 2 שטונדען !!

---



ספעציעלע פאבריק

**פון דימאנטען**

**צו גלאזשניידען.**

צו זעהר מעסיגע פרייזען.

**Я. Шефтель,**

ВАРШАВА

Налевки 9, кв. 17,

---

## לבעלי בריתי לזכרון תמיד !!!

אדריסתי היא רק בת ג' מלים:

Я. Нейдичъ Варшава.

---

**Парижская папиросная бумага**

## „ЛЕ ДЕРНІЕРЪ КАРТУШЪ".

требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги „Ле Дерніеръ Картушъ".

Бумажка эта признана Химическ. Лаборат. Варшав. Императ. Унив. самою лучшею.

Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.

**ТОРГОВЫЙ ДОМЪ**

**Л. Зильберлястъ**

въ ВАРШАВѢ

Граничная улица № 6.

---

## אהוב את המלאכה

אלע סארטען שפינגעל - מא-כען גרינדליך לערנט אוים דורך בריעפע

דער 25 יעהריגער פראקטיקאנט אין די שפיגעלפאבריקאציאן

**Юдка Вейнблятъ**

Варшава, Слизская 22.

---

!! מעבלירטע צימער !!

מוסטערהאפט זויבער און בעקוועם איינגעארדענט, אים פרייזע פון 50, 60, 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו"ב א טאג. בארע-צימער (וואננעם), גאזבעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פרישע און שמאקהאפטע פון 35 קאפ. אן. סאמאווארען א 10 קאפ.

ח. דווארעצקי, סט.-יערסקא נו' 34.

Меблированныя комнаты
Х. М. Дворецкаго, Варшава
Св. Георгія 34.